יודען, הטלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

ציועלפטער יאהרגאנג.

№ 40

Należytość pocztowa opłacona ryczałtem.

פרייז 20 גראשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 29 września 1933

ליכט-צינדען פרייטאג, 5,04

פרייטאג ערב יום-כפור תרצ"ד.

Bibljot. Jagiellon.
Kraków
św. Anny 19

Dnia 27-go września 1933 r. zmarł w Łodzi po długich i ciężkich cierpieniach mój najukochańszy mąż, nasz najdroższy ojciec, brat, teść i dziadek

b. p. JÓZEF BORNSTEIN

przemysłowiec z Koniecpola, obywatel m. Częstochowy, przeżywszy lat 65.

Pogrzeb z domu przedpogrzebowego w Łodzi odbył się w czwartek, dnia 28 b. m., o godzinie 14-ej,

o czem zawiadamiają pozostali w nieutulonym żalu **żona, syn, córki, siostry, zięciowie, wnuki i rodzina.**

Dr. med. B. EPSTEIN
UROLOG
przeprowadził się
ul. Śląska 6, I-e piętro, tel. 15-42,
ANALIZY LEKARSKIE.

דער ג. פרוי וויעזשביצקא אפיעקונקע פון דער אכראנקע ווינשען מיר צום נייעם יאהר א גמר חתימה טובה פאר איהר אונערמידליכער ארבייט לטובת די אָרימע יודישע קינדער
משה גאָלדשמיד און פרוי.

Prof. WANDA KOPECKA
POWRÓCIŁA
i wznowiła lekcje gry fortepianowej.
ALEJA 10. I p.

די סובסקריפציע איז פאַבר. און סוחרים-באַנק
ווי מען גיט אונז איבער, האבען אין דער פאבר. און סוחרים-באַנק געצייכענט די הלואה אין משך פון בעכטיגען 1 טאג 700 סובסקריבענטען אויף א סומע פון ארום 150.000 זל. זונטאג ד. 1 וועט די באַנק אננעמען סובסקריפציעס פון 10 ביז 2 נאכמ.

דאַנקזאַגונג.
א הארציגען דאנק זאגען מיר דעם געעהרטען
דר. ב. עפשטיין
ווי אויך דער פלעגערין פרל. באַלא פון יודישען שפיטאָל פאר זייער זאָרגפעלטיגע און וואונדערבארע בעהאנדלונג אונזער ליבען זיידען גרשון וויגאָדזקי ז"ל.
זאָל זיי גאָט געבען הצלחה אין זייער ווייטערדיגער ארבייט.
פאַמיליע ערליך.

צו די תנאים פון ה' מיעטעק לייזעראָוויטש מיט פרל. רוטאַ האבערמאַן ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.
אברהם באַזשיקאָווסקי און פרוי.

אַכטונג! אַכטונג!
ווילט איהר האבען
אַ גוט און גליקליך יאָהר
דאַרפט איהר געדענקען,
אז ס'איז שוין צו בעקומען
די 1-טע קלאַס פון דער
28-ער מלוכה-לאָטעריע
2.000.000
דאס גרעסטע געווינס
און דאס קען זיין אַ דיכטיגער גמר חתימה טובה
Kantor Wymiany **J. Weksler, Aleja 6.**

Ruta Haberman
Mieczysław Lejzerowicz
ZARĘCZENI
Częstochowa, we wrześniu 1933.

Z intencji zaręczyn naszych przyjaciół p. Ruty Haberman z p. Mieczysławem Lejzerowiczem, życzymy, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.
Samuel Birnbaum z żoną i córeczką.

דער בעוואוסטער הערדען-שניידער-ווערקשטאַט
א. גראַנעק
אלעע וואָלנאָשטשי № 11
עמפפעהלט זיך דער ג. קליענטעלע אויף'ן ווינטער-סעזאָן מיט די רעעלע, עלעגאַנטע אויספיהרונגען צו מעסיגע פרייזען.
געדענקט די אדרעס:
א. גראַנעק, אלעע וואָלנאָשטשי № 11

אתרוגים, לולבים הדסים
הורט צו ביליגע פרייזען דעטייל
צו בעקומען אין דער לאַנג-יעהריגער פירמא
J. CZARNOCHA, SOSNOWIEC
Bazar Centralny, Modrzejowska 20. Telefon 8-25.

הורט! די לאַנגיעהריגע פירמע דעטייל!
שאַרף און וואָלאַדאָווסקי
אַגראַדאָוואַ 10 עגז. נאָך פאר'ן קריעג
בעזיצט אויף לאַגער און קאָמיסיאָן
ארץ - ישראל - אתרוגים
פארגא און **באמארא - אתרוגים**
ווי אויך **לולבים** און **הדסים**
רעיעלע בעהאנדלונג. גוטע בעדינונג.

בזה הננו מביעים את השתתפותנו החמה בצערם העמוק של שותפינו הנכבדים: הא. קלמן בורנשטין ויוסף ווינשטין ומשפחתם למות עליהם אביהם
יוסף בורנשטין נ"ע
בתוך שאר אבלי ציון ינוחמו.
פירמה „סטאל" בצנסטחוב, רחוב נרוטוביץ.

Naszemu koledze, inż. **Karolowi Bornsteinowi,**
z powodu śmierci Jego Ojca
b. p. JÓZEFA
wyrażamy serdeczne współczucie
I. Horowicz, W. Gliksman.

Naszym szefom p p.: **Inż. Karolowi Bornsteinowi i mgr. Józefowi Weinsteinowi**
z powodu śmierci Ich Ojca
b. p. Józefa
wyrazy szczerego współczucia składa
Personel biurowy
Fabr. Wyr. Metal. "Stal" s. z o. o.

Wyrazy szczerego współczucia naszemu koledze **inż. Karolowi Bornsteinowi** z powodu śmierci jego ukochanego ojca
b. p. JÓZEFA
tą drogą składamy
Inż. Ch. Grundman, M. Frydrych,
M. Cymerman, Ch. Wajnsztok.

Naszemu koledze **inż. Karolowi Bornsteinowi**
z powodu śmierci drogiego ojca Jego
b. p. JÓZEFA
wyrażamy nasz głębokie współczucie
M. Rozencwajg, inż. L. Rozencwajg,
M. Entelis, M. Laks, inż. J. Bocian.

אונזער פערוואַלטונגס - מיטגליעד ה'
אהרן דאַרפּגאַנג
צום טויט פון זיין
מוטער נ"ע
אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
יודישער לעדער-צעך.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער געליבטען מאַן און פאַטער
יצחק ווילטשינסקי נ"ע
וועלכע איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 25-טען ווערזעשיען 1933 יאהר ה' לחודש תשרי תרצ"ד דרוקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק בעזונדער דאַנקען מיר די היגע חברה-קדישא.
די אין טיפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנורען, אייניקלעך און פאמיליע.

אונזער חשוב'ן מיטארבייטער
ה' **אינזש. ה. ווילטשינסקי**
צום טויט פון זיין ליעבען פאַטער
יצחק נ"ע
דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
„טשענסטאָכאָווער צייטונג".

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון אונזער פערוואלטונגס מיטגליד אינז. ה. ווילטשינסקי און פאמיליע צום טויט פון זייער ליבען פאַטער
איטשע נ"ע
און דרוקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
די פערוואלטונג פון דער „קולטור ליגע"
אבטיילונג אין טשענסטאכאוו.

קאָמוניקאַט פון׳ם צענטראַל-ביוראָ פון „קרן היסוד" אין פוילען.

דער אָכצענטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער איז לײדער געווען אזוי רייך מיט חלוקי-דעות ביי פערשידענע פראַגען, האָט זיך אָבער פולשטענדיג געאייניגט אין איין קארדינאלע פראַגע —אין דער „פרימאַט"-פראַגע אונזערע ביידע נאַציאָנאַלע פאָנדען: „קרן היסוד" און „קרן קימת".

אַלע קאָנגרעס-דעלעגאַטען, אָהן אויסנאַהם, זענען געווען אַדורכגעדרינגען מיט׳ן טיפסטען בעוואוסטזיין, אז וואַסערע עס זאָלען נישט זיין די רעזולטאַטען פון דאָזיגען קאָנגרעס, טאָר מען נישט פערקלענערן אויף א האָר די שאַפונגס-קראַפט פון „קרן-היסוד. פערקעהרט, דער עקאָנאָמישער אויפבליה פון ארץ-ישראל פון איין זייט און די שרעקליכע טראַגעדיע פון דייטשען יודענטום פון דער צווייטער זייט, לעגען אויף אונז אַרויף דעם חוב פיעלפאַך צו פערגרעסערן די הכנסות פון „קרן היסוד" און צוזופאַסען זיין טעטיגקייט צו דער גראַנדיעזער היסטאָרישער אויפגאַבע אין איצטיגען מאָמענט.

אַלע קאָנגרעס-דעלעגאַטען האבען פערשטאַנען, אַז יעדע מין טעטיגקייט, וועלכע איז געווענדעט געגען נאַציאָנאַלען שטייער, שטעלט אין סכנה דעם גאַנצען יודישען ישוב אין א"י.

דער קאָנגרעס האָט קודם כל אַרויפגעלעגט דעם חוב אויף יעדען ציוניסט זיך צו בעשטייערן פאַר׳ן „קרן היסוד" און עס ווערט שטרענג פערבאָטען צו געבען מאַנדאַטען צום ציוניסטישען קאָנגרעס און צו אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס די יעניגע, וועלכע האָבען נישט ערפולט זייער פליכט פאַר׳ן „קרן היסוד".

כדי צו הויבען דעם פרעסטיזש פון קרן היסוד ביי דער יודישער געזעלשאַפט, איז דורכ׳ן קאָנגרעס בעשלאָסען געוואָרען צו געבען פאַרצוג ביים געניסען פון די עליה-אינסטיטוציעס די יעניגע, וועלכע האָבען ערפילט זייער חוב לגבי דעם קהי"ס.

מיר זענען איבערצייגט, אַז די בעבעשלוסען פון קאָנגרעס, וועלכע זענען אַנ׳אויסדרוק פון אַלע ציוניסטישע גרופירונגען אָהן אויסנאַהם, וועלען בעדייטענד צוהעלפען צו דער פערשטאַרקונג פון אונזער אַרבייט פאַר׳ן „קרן היסוד".

טשענסטאָכאָווער איז פאַריז.

„מעזאָן" ראַי וויען. ראַמאַנס—ראַמעק שלעזינגער.

אין אייגע פון מיינע קאָרעספּאָנדענצען האב איך שוין בעטאָנט וועגען א פאָר לאַנדסלייט, וועלכע האבען פערלאָזט זייער געבורטס-שטאַדט, דאָ זיך איינגעאָרדענט און א דאַנק זייער אַרבייט איז זיי געלונגען צו דערגרייכען דאָס, וואָס זיי בעזיצען; ווי דער פראַנצויז זאָגט: עס דערגעהט זיי „פאָ מאַל".

יעצט וויל איך נאך אבגעבען א פלאַץ 2 טשענסטאָכאָווער, וועלכע פערנעמען זעהר אַנ׳אָנגעזעהן אָרט אין פאַריז. דער ערשטער—אין די קרייזען פון האַנדעל און מאָדע און דער צווייטער—אין די מוזיקאַלישע ספערען.

די טעג איז אין איינעם פון די שענסטע און רייכסטע קוואַרטאַלען פון פאַריז ביים „פלאַס קאָנקאָרד" און „מאַדלען" געעפענט געוואָרען א לוקסוס מאַגאַזין פאַר דאַמען - בעקליידונג פון אונזערס א בן עיר פ־רוי זינגער אונטער׳ן נאָמען „ראָז וויען".

די פרוי זינגער איז געבוירען אין טשענסטאכאוו און שטאַמט פון דער פאַמיליע וויען. דאָרט איז זי ערצויגען געוואָרען און געאַרבייט ביז 18 יאהר אַלס אַרבייטערין ביי מאַרקוספעלד׳ן אין דער קאָפעלושען-פאַבריק. מיט 25 יאהר צוריק האָט זי חתונה געהאַט און פערלאָזט טשענסטאָכאָוו, זוכענדיג דאַמאלס, ווי פיעל עמיגראַנטען א בעסערען מאָרגען. איהר איז געלונגען א דאַנק דער איבערגעבענער אַרבייט, פלייסיגקייט און ערליכקייט אין א קורצער צייט צו געווינען דעם צוטרוי אין די האַנדעלס און אינדוסטריע-קרייזען.

ווי איך האב שוין אויבען בעטאָנט איז די טעג פאַרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון א נייעם פראַכטפול-איינגעאָרדנעטען לאָקאַל, צו וועלכער עס זענען איינגעלאַדען געוואָרען א גאַנצע רייהע צייטונגס - פאַרשטעהער, אַרטיגע און אויסלענדישע, אַרטיסטען פון דער ביהנע, קינאָ, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען די בעקאַנטע „וועדעט" מאַריע דיבאַ פון „קאַסינאָ דע פאַרי" און סילוויאַ סידנעי.

אין די איינגעאָרדענטע סאַלאָנען האבען דעמאָנסטרירט 8 לעבעדיגע מאַנעקינס, די פאַטענטירטע מאָדעלען פון דער פירמע, אין דער צאַהל קרוב 100, וועלכע האבען ביי די אַנוועזענדע זעהר שטאַרק אויסגענומען מיט זייער געשמאַק און עלעגאַנץ, וואָס ס׳האַט זיך אַרויסגעוויזען דורך די צאהרלייכע בעשטעלונגען און אנערקענונג פון די אַנוועזענדע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערעפנונג איז פאַרגעקומען א רייכער באַנקעט, וועלכער האָט זיך פערצויגען ביז שפעט אין דער נאַכט.

די פירמע בעזיצט פיליעס אין מאָנטע קאַרלאָ און אין . אַלזשיר. יעדעס יאָהר ווערען אויך דעמאָנסטרירט מאָדעלען פון דער פירמע אין אַמעריקע, אונטער דער פערזענליכער אנפיהרונג פון פרוי זינגער.

— — —

ווער פון דער יוגענד געדענקט נישט דעם קליינעם, ברונעטען, דאַמאלס סימפּאַטישען ראַמעק שלעזינגער. זייענדיג נאך א שילער פון 2-טען קלאַס האט ער שוין אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אויפ׳ן מוזיקאַלישען געביעט.

דער פאָטער זייגער, דער פערשטאָרבענער איטשע מאיר שלעזינגער, א געוועזענער אינדוסטריעלער און הויזבעזיצער אויף ספאַדעק גאַס, פערשטעהענדיג, דאס זיין זוהן בעזיצט גרויסע פעהיגקייטען אויף אַ מוזיקער, וואס עס האבען אויך איינגעזעהען א גאַנצע רייהע מוזיק - פראָפעסאָרען, האט זיין גאַנצע ענערגיע און מאַטעריעלע מעגליכקייטען, געווידמעט בכדי אַרויסצובעקומען און פלעגען, דאס, וואס עס האט בעזיצט דער דאַמאלס יונגער מוזיקער. ער ווערט א שילער פון די בעסטע און בעקאַנטסטע פראָפעסאָרען-פּיאַניסטען פון בערלין, וויען און פאַריז.

אַז די בעמיהונגען פון די עלטערן זענען נישט געווען קיין פערלוירענע, ווועלען מיר זעהען פון דעם אונטענדערמאהנטען.

זייענדיג אין דעם ניי - געעפענטען קינעמאַ „לוקס" אויף די גרויסע בולוואַרען האָב איך בעמערקט אין דערהאַלטענעם פראָגראַם, אַז די מוזיק צום בילד איז פערפאַסט דורך דעם ה׳ ראַמאַנס.

וויסענדיג, אַז דער יונגער שלעזינגער האט, נאכ׳ן אננעמען דאס פראַנצויזישע בירגערטום, געביטען זיין נאָמען האב איך זיך מיט דער זאַך פעראינטערעסירט און עס איז מיר געלונגען פעסטצושטעלען, אַז דער פערפאסער פון דער מוזיק איז נישט קיין אַנדערער, ווי טאַקי אונזער ראַמעק שלעזינגער—ראַמאַנס. דער זעלבער האט שוין פערפאַסט אַ גאַנצע רייהע קאָמפאָזיציעס פאר דער בעקאַנטער קינאָ-געזעלשאפט „גאָמאָנד", ווי אויך פאר דער ביהנע.

ווי מען האט מיר איבערגעגעבען איז ה׳ ראַמאַנס אין פיעל פאַלען צו הילף געקומען אונזערע לאַנדסלייט ביים איינאָרדנען זיך אין פראַנקרייך, שטיצענדיג זיי מיט ראט און טהאַט, הויפטזעכליך ביים בעקומען די ער-

ביי גריפע, בראַנכיט, מאַנדלען-ענטצינדונג, לונגענשפיצען קאַטאַר, זאָרגט מען דערפאַר, אַז דער מאַגען און קישקעס זאָל עפטער גערייניגט ווערען, דורכ׳ן נעבראַוך פון נאַטירליכען ביטערוואַסער Franciszka Józefa

לויבניש צו פערבלייבען און רעכט אויף אַרבייט, וואס עס איז אויך געלונגען א דאַנק זיינע גרויסע בעציהונגען אין די בעטרעפענדע פראַנצויזישע קרייזען.

זייענדיג מיט 3 יאָהר צוריק אין פאַריז האָב איך געהערט שפּילען דעם ה׳ ראַמאַנס איינע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, פון וואס איך בין געוואָרען בעגייסטערט, סיי מיט דער אויספיהרונג ווי אויך מיט׳ן אינהאַלט.

איך האָב געהאַט די מעגליכקייט צו רעדען וועגען ה׳ ראַמאַנס מיט א מוזיקער, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אַז דער יונגער שלעזינגער בעזיצט א קוואַל, וועלכען מען דאַרף קענען אויסנוצען. ווען ער וואָלט געווען אין אַנדערע בעדינגונגען, וואָלט ער פערנומען אַנ׳אָנגעזעהענעם פלאַץ צווישען די בעקאַנטע און ערשטקלאַסיגע קאָמפּאָזיטאָרען פון די לעצטע יאָהרען, דען ער בעזיצט אַנ׳אונגעהויערען מאַטעריאַל, נאָר נישט קיין גינסטיגע אומשטענדען.

א צווייט מאָהל וועגען אַנדערע טשענסטאכאווער, וועלכע פערנעמען אָנגעזעהענע פּלעצער אין פראַנקרייך.

מ. קרעמסקי

אַכטונג קאָנסומענטען!

ווילט איהר, אַז דאָס געבעקס צו קומענדע ימים-טובים זאָל אייך געראָטען און גוט שמעקען, טאָ געדענקט צו פאָדערען אין די קאָלאָניאַל-געשעפטען נור די וועלט-בעקאַנטע און אויספּרובירטע אויסאַרבייטונגען פון **ד״ר עטקער** ווי:

באַק-פולווער „באַקין" „BACKIN" צוקער-וואַנילין „CUKIER WANILIA"

באַק-איילען, ציטרין-אייל, מאַנדעל-אייל, וואַניליען-אייל, פּאָמעראַנצען-אייל, רומאַווע-אייל און אַראַקאָווע-אייל.

לאָזט אייך נישט איבעררעדען צו קויפען אַנדערע מינדערווערטיגע אויסאַרבייטונגען און נאָכמאַכונגען, וואָס זענען זעהר עהנליך צו אונזערע נור פון ערגערער קוואַליטעט. פערלאַנגט אויסדריקליך אונזערע אויסאַרבייטונגען מיט דער אויפשריפט „DR. A. OETKER" און מיט דעם שוץ-צייכען א „העל קעפעל".

גלייכצייטיג האבען מיר דעם כבוד מיטצוטיילען אונזער געשעצטע קליענטעלע, אַז פון 20-טען ד. ח. האבען מיר זיך איבערגעצויגען אין אונזער אייגענער ווארשאווער פאבריקס-געביידע, מאָקאָטאָוו, ראַקאָוויעצקאַ 23.

מיר עמפעהלען זיך ווי ביז איצט אונזער געעהרטע קונדען און פריינד מיט אונזערע גוט-בעקאַנטע אויסאַרבייטונגען און ווינשען

א גמר חתימה טובה.

מיט אַכטונג: **ד״ר עטקער**

געז. מיט בעגר. אחריות

וואַרשאַ, ראַקאָוויעצקאַ 23.

(22

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שומאַכער.

(פאָרזעצונג)

— פאַרוואָס קושט איהר מיך נישט?

—האט זי אויסגערופען מיט א ביטערע שטימע—איך שטער דאָך אייך נישט זיין איך האָב אייער געזיכט דערזעהען.

— מיין געזיכט?—האט טיטוס פערוואונדערט געפרעגט.

זי האט זיך שפּאַטיש צולאַכט און מיט דער האַנד די האָר פעררוכט. דערנאך האט זי שטיל געזאָגט:

— איך האב געזעהען, אז איהר זענט א רוימער, פאַרוואס-זשע זאָל א רוימער נישט אָנפאַלען אויף אַנ׳איינזאַמע פרוי אין וואַלד? פאַרוואס זאָל דער רוימער נישט הערישען ווי ער פערלאַנגט? פאַרוואס זאָל ער נישט נעמען דאס, וואס איהם ווילט זיך? מיר זענען דאך נאר ווי די ווערימלעך מיט וועלכע מען טהוט וואס עס גלוסט נאַר.

דער בעזעסענדער טאָן האט אויף טיטוס׳ן געמאַכט א שווערען איינדרוק

— און ווען איך זאָל דאס טהון, ווער וועט דען מיר פערבוטען?—האט טיטוס אויסגערופען און צוגענאַנגען נעהנטער.

בירניקה האט זיך אויפגעשטעלט און איהם אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז צו די פיס.

— ביזטו א פרייער בירגער?—האט זי איהם פלוצלינג געפרעגט.

— א פרייער בירגער?—האט ער נאכגעזאָגט פערוואונדערט.

— ווייל נאר א פרייער בירגער קאן וואגען אָנצוריהרען א פרוי, וועלכע איז פריי — האט זי אויסגערופען מיט קראַפט.

— יעדער רוימער איז א פרייער בירגער!

— יעדער רוימער!—האט זי אויסגעריפען און זיך צולאַכט—אין אייער שטאָלץ בעריהמט איהר זיך שטענדיג, דאס איהר זענט פרייע בירגער. איך ווייס אָבער פון א פעריזאָן אין רוים, פאר וועלכען איהר אלע ציטערט, ביי וועמען איהר קושט די פיס.

— דאס איז דער קייזער — האט ער שטיל געענטפערט.

— יאָ, דער קייזער! דאס איז דער איינציגער רוימער. וועלכען איך שעץ א ן וועלכען איך רוף אן פרייער בירגער! איצט זאג מיר, ביזטו דער קייזער?

— און ווען איך וואָלט זיין דער קייזער?

— ווען דו פרעגסט דאס איז דאך א בעווייז, אז דו ביזט נישט דער קייזער!

זי האט זיך אומגעקעהרט און אוועקגעגאנגען. עס האט אויסגעוויזען, אז זי זעהט גארנישט און בעמערקט גארנישט און דאך האט זי אלץ געזעהן, זי האט בעמערקט די ענדערונגען אויף זיין געזיכט, דאס איז געווען צום צווייטען מאָל אין איין טאָג, וואס מען האט מיט איהם גערעדט וועגען דעם טראָן. זי האט אויך בעמערקט, אז זיין שטאָלץ קעמפט געגען זיין לוסט און נאך איין ווייל׳ע וועט ער זי אפשר געוועלטיג פערלאָזען און אוועקגעהן. און געהט ער אוועק, וועלען אַלע איהרע פלענער צושטערט ווערען. דעריבער האט זי זיך אומגעקעהרט און ווי בעפוילען:

געה צוריק!

דער דאָזיגער בעפעהל האט איהם זעהר איפגערעגט און ער איז צונגענאנגען נאָהנט.

און אויב איך וועל נישט אוועקגעהן?

—האט ער אויסגערופען מיט כעס און נעקריצט מיט די ציין—און אויב איך וועל מיט קראַפט פאָדערן פון דיר, דו זאָלסט מיר געבען דאס, וואס דו ווילסט נאר דעם קייזער געבען, וואס וועט זיין אויב דאס וועט פון דיר פערלאנגען נישט דער קייזער?

זיינע אויגען האבען געברענט און זי האט נישט אויפגעהערט אויף איהם צו קוקען. ווירקליך שעהן איז געווען דער מאַן און זיין כעס! און ווי ציטערן זיינע הענד, ווען ער שפּרעכט ווי אויס בערייט אויף איהר אנצופאַלען.

זי האט זיך צוגערוקט ביז צום ברונעם.

— גלויבסטו דען נישט, אז דאָ קען א מענש אויסרוהען פון אלע ליידען און זיך רעטען פון יעדער האנד — האט בירניקה שטיל געפרעגט.

ער איז נעבעל בען שטעהן און זיין קערפער האט געציטערט.

— וועסטו דען?

דאס וואסער איז פיעל ריינער ווי די הענד פון א שקלאף. דער קוואל איז דאך פריי און נישט פערשקלאפט. דער קוואַל איז פריי, ער איז א זוהן פון די הויכע בערג, נאר ווען ער קומט אין מאָל אריין אין זיינע וואסערען מישען זיך אויס מיט פרעמדע, דאן הערט ער אונטערטעניג. איך האב דאך שוין געזאָגט, אז נאר א פרייער מענש קאן בעריהרען די טאָכטער פון קעניגליכען הויז!

טיטוס האט זיך צולאַכט, ער האט נישט געגלויבט.

א קעניגליכע טאָכטער?

— איהר גלויבט דאך נישט! און קאָן דען א רוימער גלויבען עמיזאס עהרליכעס! א רוימער איז דאך נאר געוואוינט צו זעהען די הערשער אין זייער אויסערליכען גלאַנץ, ווען זיי הערשען איבער אַנדערע, אָדער ווען זיי פאָהרען מיט רייכע מתנות קיין רוים! דעריבער איז פאר אייך א וואונדער, דאס א קעניגין, זאָל אליין אָהן דינסטען נעהען שפּאַצירען. זאָלט איהר וויסען אז די יודישע הערשער זענען אנדערש, די יודישע קעניגינען קומען נישט קיין רוים זוכען ליעבע, זיי קומען זיך נישט בוקען אום געפעלען צו ווערען!

— און די שוועסטער פון אגריפאַ, וועלכע האט חתונה געהאט מיט פעליקס דעם רוימישען פראָקוראַטאָר?

— זי האט איהם געליבט!

— ליעבט זשע אויך מיך!

ער האט דאס געזאָגט ווי אין געלעכטער, נאר די לוסט, דער פערלאַנג האט זיין שטים איבערגעענדערט. זי האט אויף איהם געקוקט און מיט א געלעכטער געזאָגט:

— איך ליעבען? צו אזא מענש ווי איהר וועט בירניקה ליעב האבען?

טיטוס האט אזש א ציטער געטהון, ער האט דאס נישט ערוואַרט:

— בירניקה? איהר, איהר זענט?...

זי האט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— און די פרוי, וועלכע איז געזעסען אין דער שיף?

— זענט איהר דאס דער רוימער, וועלכער איז געריטען מיט מיין ברודער אויפ׳ן ברעג?—האט בירניקה געפרעגט מיט א גלייכגילטיגען טאָן

איהם האט דער טאָן פערדראָסען און ער האט מיט שטאָלץ געענטפערט:

איך בין טיטוס!

— טיטוס האט בירניקה געלאַסען נאָכגעזאָגט ווי פערוואונדערט, ווער איז דאס טיטוס?

טיטוס האט זיינע ליפען געביסען:

— טיטוס דער זוהן פון פלאַוויאוס אספּסיינוס!—האט טיטוס אין אויפרעגונג געזאָגט—איך רעכען אז מיין פאָטער׳ס נאָמען איז אייך שוין בעקאַנט.

בירניקה איז אָבער פערבליבען רוהיג.

— אספּסיינוס—האט בירניקה געזאָגט אין ווי נאכגעדאכט אום זיך דעם דאָזיגען נאָמען צו דערמאָנען—יאָ! דאס איז דאך דער, וועלכען נעראָן האט געשיקט קעמפען געגען ירושלים, נישט אזוי?

— און ער וועט בעזיעגען!

— איז דאס אזוי?... וועט ער טאַקע בעזיעגען?

טיטוס האט געטופּעט מיט די פוס, ווייל זיין כעס האט אין איהם געברענט. זי האט אָבער דאס נאר נישט בעמערקט און גערעדט ווי א מענש וואס, ערוואַרט גארנישט קיין אנטוואָרט.

(פאָרזעצונג קומט.)

פ. בלומענקראנץ.

ליכט-בענטשן.

(ערב-יום-כפור-בילד).

דער זייגער ווייזט האלב פינף. אין שטוב איז רוהיג. יעדער אילט זיך צו מיט דער סעודה, וועלכע מ'עסט מיט אנשטרענגונג ווי אין פענסיאנאט. משה, דער עלטסטער זוהן אין הויז, א „קאלעדיגער" און אבשפעטער, איז איצט ערנסט. ער עסט בחפזון'דיג דעם קאמפאט און יאגט-צו די איבריגע:

— מאכט עס שנעלער, קריכט נישט!

דאס יונגסטע קינד, א מיידעל פון 5 יאהר מיט א געקרויזעלטען קאפ האר אין גרויסע בלויע אויגען שטעהט ביים „נשמה-ליכט" און גראדט אויס דאס זאמד. זי גראבט אין קעסטיל מיט אנ'אונרוהיגקייט: דאס געוויש, פאפילניש אין שטוב מאכט אויף איהר א מאדנע איינדרוק. זי פיהלט, אז עס קומט איצט פאר עפיס אונגעוועהנליכעס.

פריידע, די בעל-הבית'טע. א פרוי אין די מיטעלע יאהרען מיט שטארקע קנייטשען אויף איהר פנים, שטעהט א צעפלאמטע ביים פענסטער און שלינגט אין איילעניש דעם הייסען טעה. זי נעמט נור 9 שליק: א סגולה אויף דורשט.

זי כאפט דערביי יעדע רגע א בליק דורכ'ן פענסטער און רופט אויס א „פערצווייפעלטע":

— אוי וועה איז מיר! זלמן געהט שוין צום דאווענען, נאלדע פון קעגנאיבער — אויך, און דא הויבט זיך נישט אן.

זי שלינגט דעם טעה אבריענדיג זיך די צונג און שטעלט רעשיג אוועק דאס גלאז. איבער'ן הויף לויפען די יודען אנגעטובל'טע, מיט די טלתים אונטער די ארים'ס און גלאנצען זיך מיט א בעזונדערער גוטמוטיגקייט און פייערליכקייט די הענד:

— א גמר חתימה טובה, א גוט יאהר!

די שכנות, יודענעס „פלאטקארעס" צי-עיניצעס, וועלכע קריגען זיך א גאנץ יאהר צוליעב אויסקלאפען א שמאטע, אדער צוליעב א צופעליגען ריהר-אן א קינד, צוקושען זיך און וויינען:

— זי זאלען זיך אויסבעטען א גוט, געזונד יאהר. איהנ'ס קינדער זאלען איהן גרינג דערצויגען ווערען, מאטע זיסער!

זיי וואונשען זיך און בעקוקען מיט איין אויג איינע דער צווייטער'ס קארבירט שייטעל און גלימערדיגע פינגערלעך.

אין שטוב ווערט אונהיימליך: די מוטער געהט ליכט-בענטשען. די עלטערע קינדער געדענקען, אז דאס זענען די טרויריגסטע מינוטען פון יום-כפור. א שווערקייט צעלייגט זיך אויף זייערע געמיטער, צוקוקענדיג זיך יעדעס יאהר צו דער דאזיגער סצענע, ווען די מוטער שטעהט צובראכען און איינגעבויגען פאר די ליכט און טרעהרען גיסען זיך אויפ'ן מחזור.

בעזונדער שרעקען זיי זיך היי-יאהר פאר'ן דאזיגען צער-אויסגוס; ס'איז נאך נישט קיין יאהר, ווי דער פאטער איז זיי אבגעשטארבען און די מוטער פלאגט זיך, פייניגט זיך, אום זיי צו דערנעהרען.

פריידע צינדט אן מיט ציטערדיגע הענד די ליכט און מישט דערנערווירט אין מחזור. די קינדער האבען זיך ארויסגעשלייכט פון דער שטוב. זי הייבט אן שטיל זאגען:

„טרם אחל לדבר לפניך אבינו שבשמים: איידער איך אנפאנג צי עפינען מיין מויל צו ריידן פאר דיר תפלות ובקשות"...

איהרע אויגען פערציהען זיך ווי מיט א נעפעל. אין שטוב איז שטיל. די קינדער אין א צווייטער שטוב שטעהען אין שטומער ערווארטונג. צו זיי דערגעהט דער מוטער'ס קול:

„ידעתי את אחריתי לקבר וצלמות: איך וויים זייער גוט די סוף פון מיין לעבן. דאס איך וועל באגראבן ווערן אין קבר און דער שטן פון דער טוט וועט מיך בادעקן גאר מיין לייב".

זי צעוויינט זיך ביטער. פאר יאהר איז זי געגאנגען מיט איהר מאן צום ראטענען, זי האט געהאט אנ'אנלעהן אין לעבען, געהאט צו וועמען זיך צו הענדען, און היינט? איהר שאטען צעוויגט זיך אויף די ווענד. די שטימע ברעכט זיך איהר אונטער. טרעהרען לויפען איבער איהרע צויאקערטע באקען צום מויל צו און קייקלען זיך אראב אויפ'ן מחזור. איהרע איבערלעבענישען שווימען אויף פאר איהרע אויגען:

„אין איך פר זיכר מיך אויף די טרערן, ווען איך טוא פר גיסין אזוי ווי וואסר, דען די טויערין וענין ניט פר שלאסין, אזוי ווי אונזערי חכמים שרייבן: כל השערים ננעלו חוץ משערי דמעות, דס איז טייטש: אלע טויערין זענין פר שלאסן חוץ די טויערין פון טרערין".

דאס יונגסטע מיידל שטעהט אין א ווינקעל און איהרע קינדערישע אויגען דריקען אויס שרעק: קיינער האט דער מאמע נארנישט געטהון און זי וויינט.

פריידע דערמאנט זיך אין איהרע צרות און פיין פון די לעצטע יאהרען, אין די אונגליקען, וואס האבען זיך געשיט אויף איהר ווי אויף איוב'ן אהן אויפהער און איהר געוויין פערשטארקט זיך. דערציילען א מאלטער ביז 15 יאהר, געלערנט זי, גע'חלומ'ט וועגען איהר גליק און אוועקגעריסען געווארען פון איהר אין די בליהענדסטע יאהרען.

וואלט דאך שוין געגוג געוען. האט זיך אבער דער אויבערשטער נישט בעגנוגענט מיט דעם „פאטש" און איהר אוועקגענומען דאס יונגסטע קינד „א שוואלב פון איין יאהר".

זי שאקעלט זיך איבער'ן מחזור און קולות אבגעהאקטע רייסען זיך איהר פון הארץ ארויס. זי דערמאנט זיך דעם טויט פון דאזיגען בעשעפעניש. צוויי טאג איז עס געלעגען און נישט געקענט אבשטארבען.

די דאזיגע גרוויזאמטע מינוטען טויכען פאר איהר אויף מיט זייער גאנצער שוידערליכקייט: זי איז געלאפען דערמאלט איבער'ן שטוב אין נערעדט צום נישט-ווערט-צו-מעלדען ווי א קינד, אנ'אומגליקליכעס, צום פאטער:

— טאטע זיסער! שטראף מיך נישט מעהר, בראך מיר נישט אראב איין צוויי נאך דער אנדערער! דו האסט געבירענט אנ'אונשולדיג נפש אויף דער וועלט און נעמט עס צוריק. אין וועמענס זינד זאל דאס פיצעלע פון דער וועלט אוועק?

אין דערנאך?

זי וויל זיך נישט דערמאנען. פון איין זייט האט זי נעבעטען פאר'ן לעבען פון קינד. און פון דער צווייטער האט זיך איהר ארייננעגנב'ט א געדאנק, דאס אפשר איז גלייכער, אז ס'קינד זאל זיך אויפהערען פייניגען; אז דער טויט זאל עס בעפרייען פון די ליידען.

„אין זאלסט אונז אן חתמינן דער באוימדיגער גאט, היינטיגן טאג, וואס קימט אן, צו אגוט לעבן און לאנגע יאר. מיר זאלן חלילה ניט שטארבן און מיר זאלן חלילה ניט בלייבן קיין אלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים".

אין דאס לעצטע יאהר? דער מאן קומט אהער געזונד, מונטער און צומארגענס איז ער שוין נ'שטא. די וועלט איז איהר דאמאלס פינסטער געווארען. זי האט נישט געגלויבט, אז זי וועט דאס אומגליק איבערהאלטען. און ווען זי האט געשריען אויפ'ן מאנס קבר: „פארוואס זי האב זיין גרוב נישט פערלעגט", האט זי עס געטיינט מיט'ן גאנצען הארצען. זי האט אזוי געשטרעבט אויפצוהערען צו זיין, אויפצוהערען צו עקזיסטירען און נישט צו בלייבען עלענד אויף דער וועלט, אז איהר גאנצער איך האט זיך דערצו געריסען.

„און דער לייכט, ליבר גאט, דיא אויגען פון מיין מאן".

די טרערען פערשטעלען איהרע די אותיות. זי זעהט נישט, נאר העשעט. איהר צעוויינטע הארץ איז איבערפולט מיט נישט דערזאגטע צער. זי קושט דאס מחזור און לעגט עס אנידער אויפ'ן טיש. זי ריהרט זיך אבער נישט פון א-רט, קוקט שטאר אויפ'ן נשמה-ליכט, א געדאנק בליצט ביי איהר אויף און מאכט זי אויפציטערן:

פאר יאהר, אויפוועקענדיג זיך יום-כפור אינדערפריה, איז דאס ליכט געווען פערלאשען. א שלעכטער סמן. דער מאן איז איהר טאקי אוועקגעריסען געווארען. און געלאזט זי צווישען פרעמדע, גלייכגילטיגע מענשען מיט קליינע קינדער אהן מיטלען. זי פלאגט זיך מיט א ביסעל סחורה פון איין געוועלב אין אנדערען, וואו מ'לאזט זי שטעהען ווי א בעטלערין...

די געדאנקען קנוילען זיך אין קאפ, שווערע, אומעטיגע. זי רייסט זיך אבער פלוצים אוועק פון די ליכט, לויפט צו צו די קינדער און קושט זיי. א הרע פערטריקענטע ליפען בלאנדזשען איבער די געקרייזעלטע האר פון יונגסטען, וואס איז נעשטאנען א גאנצע צייט אין ווינקעל און איינגעהארכט זיך צו דעם יאמער פון דער מוטער.

— דו זאלסט מיר לייכט ערצויגען ווערען, מאטע-פאטער! - מורמעלט זי צום קינד.

זי קושט פרום די מזוזה און לויפט רעשיג ארויס.

ס'איז שוין געוויזען שפעט. דער זייגער, וואס איז אין דעם הויז א סך מאל אבגעשטעלט געווארען אלס צייכען פון אומגליק, האט שוין לאנג געהאט אויסגעקלאפט פינף.

די „ליגע פאר'ן ארבייטענדען ארץ-ישראל" פאר פערשטארקטער ארבייט.

די ארבייט פון יודישען פארלאמענט האט זיך פערענדיגט און אלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס און קערפערשאפטען זענען שוין צוגעטרעטען צו א נארמאלער טאג-טעגליכער ארבייט. די ערשטע פאדערונג אין אויפמערקזאמקייט פון די נייע-געוועהלטע ציוניסטישע עקזעקוטיווע איז זיך בעמיהען צו בעקומען 25 טויזענד ארבייטער-סערטיפיקאטען פאר'ן נעכסטען האלבען יאהר. די ריעזיג אויסגעוואקסענע רעזערווי-ארמעע פון ארבייטענדען ארץ-ישראל דארפט נישט זיין בלויז אקטיוו בעת א וואהל-שלאכט, נור אויך אין פרידענס-צייט. דאס גיט די מעגליכקייט די ליגע פאר'ן ארבייטענדען ארץ-ישראל, וועלכע גריפירט ארום זיך אלע סימפאטיקער און אנהענגער פון אנ'ארבייטענדען ארץ-ישראל. דער מינימום אבצאהל פון 30 גר. א חודש דערמעגליכט די הסתדרות אויפצוהאלטען די אלע אינסטיטוציעס, ווי ארבייטס-פערמיטלונגס ביורא'ס אין אלע שטעדט און קאלאניעס, קראנקען-קאסעס, ארבייטער-באנק, שול-וועזען, א פערצווייגטע נעץ פון פערשידענע קאאפעראטיוען א. א. וו., וואס אהן זיי וואלט נארנישט מעגליך געווען צו עמיגראציע אין ענטוויקלונג פון ארץ-ישראל אין אזא מאסשטאב ווי איצט.

די מאראלישע בעדייטונג פון די הינדערטער טויזענדער מיטגלידער אין דער גאנצער וועלט, גיט צו מוט און שטויסט די „הסתדרות" צו ווייטערדיגע הערואישע טהאטען, יעצט ביי דער רעארגאניזירונגס-און ווערבירונגס-אקציע, וועלכע ס.האט פראקלאמירט די „ליגע פאר'ן ארבייטענדען ארץ-ישראל אין פוילען", וועט אויך טשענסטאכאוו, וואו ביי די לעצטע קאנגרעס-וואהלען האט די „ליגע" פערקויפט איבער 1300 שקלים, זיך מאסענהאפט פערשרייבען און בעטייליגען אין דער ארבייט פון דער „ליגע" צו פערשנעלערען דעם אויפבוי פון ארבייטענדען ארץ-ישראל.

יורי.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

ביין פסה לעשור.

אין די טעג פון עשרת ימי תשובה פיהלט זיך דער יוד עפיס אזוי ווי ער וואלט בעטראגען אג'עול אויף די פלייצעס און ער וואלט זיך גערן געוואלט דערפון בעפרייען. ער איז נישט יוצא מיט זיינע מעשים, טראכטענדיג טאמער טהוט ער שלא כהוגן.

מיר קומט אויך אויס עפיס נישט ווי געהעריג מיט מיין „וואס געהערט, וואס געזעהן" נעם אין אזעלכע מוראדיגע טעג און זיי מלשין אויף יודען— און ווענען וואס צו רעדען איז דא גענוג...

זיץ איך טאקע און טראכט וואס טהוט מען, שרייבען דעם אמת אדער נישט, זאל איך שרייבען ווענען די אלע זאכען, וואס מיר איז בעוואוסט וועלען א סך יודען אוועקגעזעצט ווערען אויף דער הימלישער בעשולדיגונגס-באנק און עס איז מיר נישט אנגענעהם, אז איך זאל זיין דער אנקלאגער, איבערהויפט אין אזעלכע אימה'דיגע טעג, זאל איך ווידער פערשווייגען, האב איך מורא, אז דאס איז נאך א גרעסערער חטא.

דאס איינציגע, וואס מאכט מיר לייכטער מיין געמיט, איז דאס, וואס מיר האבען נאך א יום-כפור פאר זיך און אויב איך וועל עמיצען יא אנקלאגען, וואס דאס איז לויט א יש אומרים אנ'עבירה און ווען איך וועל עמיצענס חטאים פערשווייגען, וואס איז לויט מיין מיינונג דער גרעסטער חטא — וועט דער יום-כפור שוין אויף זיי מכפר זיין...

עס קומט דאך זיי.

ערב ראש-השנה איז דער קארידאר פון דער קהלה געווען פיעל פון די פראפעסיאנעלע מקבלים, וועלכע האבען געפאדערט, אז מען זאל זיי אויס צאהלען „זייער פענסיע".

ווען דער בעאמטער פרעגט זיי מיט פערוואונדערונג, וועלכע פענסיע'ס עס קומט זיי און לויט ווי ער ווייסט זענען זיי גארנישט קיין קהלה-בעאמטע און פיגורירען נישט אין בודזשעט, האבען זיי געפאדערט ס'זייעריגע: אונז קומט אונזער געהאלט, מיר זענען פראפעסיאנאלע שנארער און אזוי ווי עס איז ערב יום-טוב, מוזען מיר בעקומען אונזער פענסיע, מיר וועלען מעהר נישט ווארטען פון איין ערב פסח צום אנדערען, מיר ווילען בעקומען געלד פון דער קהלה אויף יעדען יום טוב.

ווי זאגט איהר, זיי זענען אפשר גערעכט — עס קומט זיי...

טובה יודעלעך...

ווי האט דאס געזאגט יענער מגיד: פערהאנען אלערליי יודעלעך, פערהאנען פליישיגע יודען, מילכיגע יודען און אויך פערהאן פארווענע יודען.

פליישיגע יודען — דאס זענען יודען הייסע, פרומע, וועלכע געהן טאגטעגליך צום דאווענען, זאגען א קאפיטעל תהלים, מיט איין ווארט — יודען מיט'ן גאנצען מויל. מילכיגע יודען — דאס זענען אזעלכע יודען, וואס אט זענען זיי יודען, זיי דאווענען טאקי, אבער זיי זענען מתנגדים; טהוען זייער חוב און פטור. פערהאנען אויך פארעווע יודען, וואס א גאנץ יאהר געהען זיי נישט צום דאווענען, נאר ווען עס קומט ראש-השנה און יום-כפור געהען זיי אין שוהל אריין און זענען יוצא.

קום איך צו געהן און זאג, אז עס זענען נאך פערהאן טובה-יודעלעך, דה־ינו: אז עס קומט ראש-השנה, יום-כפור, קומען זיי נישט צו געהן אינדערפריה צום דאווענען און זענען דארט ביז די תפילות ענדיגען זיך, נאר קודם כל קומען זיי צו געהן העט שפעט, ווען מען האלט שוין לאנג נאך ונתנה תוקף, שטעהן אביסעל און ווערען באלד א האז. אט דאס זענען די אזוי-גערופענע טובה-יודעלעך.

די דאזיגע טובה-יודעלעך זעהט מען אממצהרסטען אין די צוויי גרויסע שוהלען.

איך ווייס נישט, ווי פאר איין, פאר מיר זענען זיי גאר נישט סימפאטיש אט די דאזיגע טובה-יודעלעך.

עס איז אדורך ווי געהעריג.

די ראש-השנה טעג זענען אדורך אין טשענסטאכאו אין בעסטען ארדנונג.

אין ארדנונג, מיין איך די שוהלען און בתי-תפילות, אויסער דארט קליינע אינצידענטען, וואס קענען נישט אויסגעמיטען ווערען.

אין דער שטאדט-שוהל האבען געדאווענט די שטענדיגע בעלי-תפילות שחרית דער שוחט ר' משה זאנדער, וועלכער האט היי-יאהר געזינגען אויף זכרנו א נייעם ניגון און אויך אתה הוא אלקינו—א נייעם ניגון, פון וועלכען דער שוהל-עולם האט שטארק אנגעקוואלען.

דער שטאדט-חזן ה' באדאש איז געווען אויף זיין פלאץ, איבערהויפט האט ער דעם צווייטען טאג געדאווענט מיט פייער. דער כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ראטענבערג איז היי-יאהר געווען בעסער ווי אלע מאל, אויסגעצייכענט זיך מיט זיינע סאלא-נומערן, האט דאס אלטעל מארדקאוויטש און דער טענאר ה' מרעבוניק.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו בעמערקען, אז אלע פלעצער זענען געווען אויספערקויפט ביז צום לעצטען און עס האט זאגאר נאך אויסגעפעהלט „שטעדט„.

אין דער נייער סינאגאגע האט היי-יאהר דיריזשירט אונזער בן-עיר ה' לעווקאוויטש און היות ווי די אלטע זינגער, די לייבען פון כאר האבען היי-יאהר נישט געזינגען, האב איך זיך שטארק געשראקען, אז מיר וועלען האבען עגמת-נפש, נאר איך מוז איבערגעבען, אז דער כאר איז געווען גלענצענד און עס איז געווען א פערגעניגען איהם צו הערען. מען מוז דעריבער אויסדריקען א יישר-כח דעם ה' לעווקאוויטש, וואס ער האט אונז נישט פערשעהמט און האט געראטעוועט די סיטואציע אין דער נייער סינאגאגע.

ה' פישעל האט אויך גלענצענד אויסגעפיהרט זיין אויפגאבע און די מתפללים פערשאפט נחת-רוח מיט זיין מייסטערהאפטען אויספיהרען די תפילות. ה' פישעל מיט זיין מוזיקאלישע קענטניש און דער כאר האבען געשאפען אנ'איינהייטליכע הארמאניע, וואס האט זיך גלענצענד איינגעגעבען.

אויך אונזער ה' שמידט האט היי-יאהר געדאווענט ביי אונז אין שטאדט אין א פריוואט מנין און ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס טאלענטפולער חזן און גלענצענדער זינגער. די מתפללים זענען געווען: ענטציקט און האבען זיך גארפישט געקענט אויסוואונדערן פון די הערליכע געזאנגען און פון פארטראגען די תפילות.

מיט איין ווארט: אין די אויבענדערמאנטע שוהלען און בתי-תפילות איז אלץ אדורך ווי געהעריג.

דער שמעלץ-טאפ.

נאך ווענען איין מנין איז כדאי צו שענקען א פאר ווערטער און דאס איז דעם היגען רב'ס מנין.

דארט אין דעם מנין זענען פערטרעטען פארשטעהער פון אלע צווייגען און בראנזשעס, וואס מיר יודען פערמאגען, קודם כל דאווענען אין מנין דער היגער רב, א דיין, א שוחט, אנ'אדוואקאט, א דאקטאר, אנ'אינזשיניער, א פראפעסאר, דאן א פארשטעהער פון דער גרויס-אינדוסטריע, פון דער קליינער אינדוסטריע, האנדווערקער, קליינהענדלער, סוחרים, א בוכהאלטער און גלאט בטלנים, אזוי איז דאס איינציגע מנין, וואו עס זענען פערטרעטען אלע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

ווערט טאקי דאס דאזיגע מנין אנגערופען דער שמעלץ-טאפ.

ס'האט אויסגעפעהלט חזנים.

אז היי-יאהר האט מען אהן עין-הרע געדאווענט געשמאק, מעהר ווי אלע יאהר, קען בעוויזען דער פאקט, וואס אין דער שטאדט טשענסטאכאו האט אויסגעפעהלט חזנים און מען האט געמוזט אזעלכע אויסשרייבען פון דער פרעמד.

אין דער אלטע איז פערהאן א שוהל וואו עס דאווענען זעהר חשוב'ע בעלי-בתים פון אונזער שטאדט, וועלכע האבען שוין נישט געהאט קיין שטאדטישען חזן און האבען אזעלכען אויסגעשריבען פון קזשעפיץ.

דער קזשעפיצער בעל-תפילה האט טאקי נישט פערשעהמט. ער האט געדאווענט זעהר גוט און דער עולם איז טאקי געווען צופרידען פון איהם, אבער דאס בעווייזט, דאס מען האט היי-יאהר אזוי פיעל געדאווענט, אז עס

משה אַש.

דער כל נדרי אין דער היגער שוהל אין היסטאָרישען יאָהר 1863.

דאס יאָהר 1863 איז יעדען בעקאַנט אַלס היסטאָרישעס, אין וועלכען די איינוואוינער פון פוילען זענען אויפגעשטאַנען געגען צאַר און פערטריבען די רוסען פון די גרעסטע שטעדט אין פוילען.

נאָך אין מיטען יאָהר 1862 האָבען זיך שוין די פּאָליאַקען צוגעגרייט צום אויפשטאַנד. אין געהיים זענען געגרינדעט געוואָרען פערשידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו זאַמלען געלד אויף צו קויפען געוועהר, וואס איז געשמוגעלט געוואָרען פון דייטשלאַנד.

די גאַנצע פוילישע יוגענד איז צוגעצויגען געוואָרען צו דער אַרבייט, די גרעסטע טייל פון זיי האָבען זיך אויף די פעלדער און וועלדער געלערנט תכסיסי-מלחמה.

די ערשטע צייט האָבען די רוסען נישט געשטעלט קיין אָפענעם ווידערשטאַנד די פּאָווסטאַנטשיקעס, נישט קענענדיג גלויבען, אַז די פּאָליאַקען וועלען זיך אונטערשטעהן עפענטליך געגענצושטעלען זיך אַזאַ מעכטיגער מלוכה ווי רוסלאַנד, דאָך אָבער האבען זיי געמאַכט פערשידענע פּראָוואָקאַטאָרישע שטיקלעך, כדי צו פערטומלען די פוילישע בעפעלקערונג. אַז זיי זאָלען נישט האָבען קיין צייט צו מישען זיך אין פּאָליטיק.

אַזאַ שטוקעל אַרבייט האָבען זיי אָבגעטהון אין טשענסטאָכאָוו, וואו דורך אַ געהיימער האַנד איז י"ג חשון תרכ"ג—ליסטאָפּאַד 1862—אונטערגעצינדען געוואָרען אַ גרויסער טייל פון אונזער שטאָדט—די מאָסטאָווע, גאַרנצאַרסקאַ, נאַדזשעטשנאַ גאַסען, אויך די גרעסטע העלפט ווארשאווער גאַס, אַזוי, אַז הונדערטער פאַמיליעס זענען געבליבען אָהן דאַך און ווירטשאַפט, ווי אויך אָהן מיטלען צום לעבען.

ערשט אין סעפּטעמבער 1863, ווען די פּאָליאַקען זענען אָפען אַרויסגעטרעטען מיט געוועהר אין די הענד און פערטריבען די רוסען פון מעהרערע פוילישע שטעדט האָט דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער ערקלערט איבער פוילען קריעגס-צושטאַנד און זיך גענומען מיט געוועהר איינצושטילען דעם אויפשטאַנד.

אויך אונזער טשענסטאָכאָוו האָט גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין דער פּאָווסטאַניע. ס'איז היער געגרינדעט געוואָרען אַ קאָמיטעט, אין וועלכען ס'האבען זיך געפונען אויך יודען, וועלכע האָבען געזאַמעלט געלד און אָרגאַניזירט אַנ'אַרמעע, וואס זאָל צוהילף קומען די פּאָווסטאַנצעס.

אין דער אַקטיווער אַרבייט האָבען אַנטייל גענומען פיעל פון דער היעגער יודישער יוגענד, וועלכע זענען גרייט געווען מיט מסירות-נפש אַרויסצוטרייבען די רוסען פון פוילען.

אַזוי ווי טשענסטאָכאָוו איז געווען בעזעצט מיט אַ סך רוסיש מיליטער, אונטער דער ממשלה פון טיראַנישען מיליטער-קאָמענדאַנט באַראַבאַנאָוו, וועלכער האָט געהאַט זיין זיץ-פּלאַץ אין „האָטעל אַנגיעלסקי“ (היינט „פּאָלאָניאַ“) און ס'איז דאריבער געווען אַ געפאַהר פאַר די פּאָווסטאַנטשיקעס זיך צו געפינען אין דער שטאָדט, האָבען זיי זייערע פערזאַמלונגען געמאַכט אין דער סביבה, יעדעס מאָל אויף אַנ'אַנדער אָרט.

אין חודש אלול תרכ"ג האָבען זיך די אַנפיהרער פון אויפשטאַנד פערזאַמעלט אין שבנות'דיגען שטעדטיל יאַנעוו, וואוהין ס'זענען זיך צונויפגעקומען די פוילישע „שמיעטאַנע“ פון אונזער געגענד, ווי אויך מעהרערע יודען. די פערזאַמעלטע האבען אַרומגערעדט וועגען די פערלוסטען וואס די פּאָווסטאַנצעס האָבען די לעצטע צייט געהאַט און וועגען דעם ווי אַזוי זיי צו הילף צו קומען מיט נייע געלד-מיטלען.

דערפון איז געוואויר געוואָרען דער רוסישער קאָמענדאַנט באַראַבאַנאָוו, וועלכער האט זיך געלאָזט נאָך יאַנעוו מיט אַנ'אָבטיילונג קאַזאַקען און אַרומרינגלענדיג דאָס שטעדטיל פון אַלע זייטען האָט ער עס געלאָזט דורך זיינע קאַזאַקען אונטערצינדען. דאס האָט גורם געווען, אַז גאַנץ יאַנעוו איז אַוועק מיט'ן רויך און אַ גרויסער טייל פון די פערזאַמעלטע איז דאָרט אומגעקומען. דער גרעסטער טייל אָבער איז געבראַכט געוואָרען נאָך טשענסטאָכאָוו און אָהן אַ משפט פערשיקט געוואָרען אין קאַלטען סיביר.

די היגע יודישע קהלה האט צוליעב דער פּאָווסטאַניע געהאַט אויסצושטעהן אַ סך צרות. אין לאָקאַל פון דער קהלה האָבען געמאַכט אָפטע בעזוכען אַמאָל פּאָווסטאַנטשיקעס און אַמאָל קאַזאַקען צוליעב וואס די דאָזיגעס זענען געווען געצוואונגען צו שליסען דעם לאָקאַל און אָבצושטעלען יעדע געזעלשאַפטליכע אַרבייט. אַזוי האט זיך דאס געצויגען אַ גאַנץ יאָהר.

אינצווישען האָט אָנגערוקט יום-כפור, דער טאָג, ווען יעדער גיסט אויס זיין ביטער הארץ פאַר'ן בעשעפער פון דער וועלט פאַר אַלע צרות, וואס ער האָט מיטגעמאַכט אין פערגאַנגענעם יאָהר. דאס יאָהר אָבער, אין יאָהר פון „אויב דבר חרב ורעב“, פון מאָרד, הונגער און קראַנקהייטען, וועלכע די אונאָרדנונגען אין לאַנד האָבען געבראַכט — האָבען די יודען געהאַט מעהר צו וויינען און מתפלל זיין ווי אַלע מאָל.

צוליעב'ן קריעגס-צושטאַנד, וואס די רוסישע רעגירונג האָט ערקלערט, איז פערבאָטען געוואָרען צו דאַווענען אין די שטיבלעך און מנינים, אַ חוץ אין דער איינציגער שוהל אויף דער נאַדזשעטשנע גאַס, וואס ס'האט גורם געווען, אַז אַלע יודען פון דער גאַנצער שטאָדט און סביבה האָבען געמוזט דאַווענען אויף איין-איינציג אָרט.

אַ שטאַרקען איינדרוק אויף אַלע מתפללים, וואס האָבען זיך געפונען אין דער שוהל, האָט געמאַכט דער „כל נדרי“, וועלכער איז מיט אַ ריהרענדער שטימע געזאָגט געוואָרען דורכ'ן בעל-תפילה ר' גרשון לאַנדוי (דער קליינער גרשון, וועלכער האָט פון לאַנגע יאָהרען געהאַט אַ חזקה דערויף), האַבענדיג דערביי שטעהן ביים עמוד רעכטס דעם שטאָדט-רב ר' יאַחק'ל ראַבינאָוויטש און לינקס דעם חשוב'ן גב"ר און למדן ר' יונה לאַנדוי (שטשעקאָטשינער רב). אויף די מזרח-בענק האָבען זיך געפונען אַלע אָנגעזעהענע יודען פון דער היגער שטאָדט מיט די ראשי-הקהלה יצחק פייגענבלאַט, דוד בערגמאַן און קאַרל גינסבורג בראש.

די שוהל האָט אויסגעזעהן פייערליך און אימה'דיג. איבעראַל האָבען געברענט וואַקסענע ליכט, די גאַנצע עדה יודען, אַנגעטהון אין טליתים מיט ווייסע קיטלען האבען שטייענדיגערהייד געהאַלטען די מחזורים אין די הענד און זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון בעל-תפילה, וואס זענען געזאָגט געוואָרען מיט בעגלייטונג פון שוהל - כאָר,

אין בעת אַלע יודען האבען געשריגען: ונסלח לכל עדת בני ישראל, זענען זיי איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ מחנה יונגעלייט, וואס האָבען זיך מיט שטורם און גערויש אַריינגעלאָזט אין דער שוהל אַריין.

דאס זענען געווען אַנ'ערך 50 פּאָווסטאַנצעס מיט געוועהר אין די הענד, וועלכע ס'איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען בעת דער יאַנעווער שרפה און דערנאָך זיך אַ לענגערע צייט צו בעהאַלטען אין די וועלדער.

די דאָזיגע גרופּע איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן יודישען פּאָווסטאַניעץ לודוויק קעלער, אַ זוהן פון אַ היגען אָנגעזעהענעם תושב ר' יצחק קעלער און דורך צוויי טעכטער פון אַ היגען פעלדשער העפטלער.

די פּאָווסטאַנצעס האבען גלייך פערנומען דעם מזרח-פּלאַץ, אויפגעהאַנגען אַ פוילישען פאָהן ביים ארון-קודש און ווענדענדיג זיך צום רב, האָבען זיי פערלאַנגט ער זאָל אָבריכטען אַ תפילה פאַר'ן נצחון פון די פוילישע פּאָווסטאַנצעס.

נאָך אַ קורצער בעראַטונג, וואס דער רב האָט געהאַט מיט די ראשי-הקהלה, איז בעשלאָסען געוואָרען נאָכצוקומען זייער פערלאַנג און דער רב צוזאַמען מיט'ן חזן לייבעל קאַנטאָר האָבען אָבגעריכט די געהעריגע תפילות.

נאָכדעם, ווי די פּאָווסטאַנצעס האָבען אָבגעזונגען דעם פוילישען הימן „יעשטשע פּאָלסקאַ“, האָבען זיי דעם פאָהן צוריק אַראָבגענומען פון ארון קודש און אַרויס פון דער שוהל.

די ראשי-הקהלה, זייענדיג נאָך אונטער'ן איינדרוק פון די יאַנעווער געשעהענישען און פערשטעהענדיג, אַז דאס שטיקעל אַרבייט וועט זיי דורך די רוסישע מנשלים נישט געשענקט ווערען, האבען מיט דער הסכמה פון רב בעפוילען די מתפללים נישט צו ענדיגען דאס דאַווענען און גלייך צו פערלאָזען די שוהל.

אין דער שוהל זענען פערבליבען אַנ'עוך אַ מנין יודען — זקנים, וועלכע האָבען געהאַט אַ חזקה אין דער כל נדרי-נאַכט דאָרט צו זאָגען תהלים און דעריבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט אָבטרעטען פון דער שוהל.

עס איז נישט אַדורך קיין האַלבע שעה, ווי דער קאָמענדאַנט באַראַבאַנאָוו איז אָנגעקומען מיט אַ גרעסערער אָבטיילונג קאַזאַקען, וועלכע האבען אַרומגערינגעלט די שוהל, מיט דער כוונה אַלע, וואס געפינען זיך אינעווייניג אומצוברענגען.

אַריינגרייסענדיג זיך מיט אַ צעהנדיגג קאַזאַקען אין דער שוהל אַריין האבען די ברענענדיגע וואַקסענע ליכט און די זקנים אין די ווייסע קיטלען געוואָרפען אויף איהם אַזאַ אימה, אַז אָהן אויסצורעדען אַ וואָרט האָט ער זיך מיט די קאַזאַקען צוריקגעצויגען נישט פעראורזאַכענדיג קיין שום שאָדען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַ גרויסער טייל פון די פּאָווסטאַנצעס, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען לודוויק קעלער און די שוועסטערן העפּטלער, געכאַפּט געוואָרען דורך די רוסען. דער ערשטער איז געהאָנגען געוואָרען און די לעצטע—זענען פערשיקט געוואָרען קיין סיביר, וואו זיי זענען פערבליבען זייער גאַנץ לעבען.

האבען אויסגעפּעהלט חזנים.

ער האָט זיי אָנגעבלאָזען.

ר' משה אהרן ר. איז אַוועק פון קאַזאַצקער שטיבעל מסתמא צוליעב אַ ברעטיל און האט אָנגעהויבען דאַווענען אין אַ צווייט שטיבעל, וואו מען האָט איהם טאַקי געקרוינט אַלס בעל-תוקע, איהם איז אָבער גבוען ווייניג איין פאַסטען און ער האט גלייכצייטיג, אויך אָנגענומען דעם אַמט צו בלאָזען אין זקנים-הויז.

מאַכט זיך אַ מעשה, דעם צווייטען טאָג ראש-השנה און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען אביסעל שפּעטער, האט ער דאָך מורא געהאַט, אַז ער וועט פערשפּעטיגען די תקיעות אין שטיבעל, האט ער שנעל אָנגעבלאָזען די שלשים קולות און איז ענטלאָפען אין שטאָדט אַריין אין שטיבעל, זענען דאָך די זקנים געבליבען אָהן אַ בלאָזער, האָבען זיי געשיקט אַ שליח אין ראַבינאַט אַריין, וועלכער האט דעלעגירט ר' משה יצחק'ן ער זאָל בלאָזען פאַר די זקנים.

וויצלען זיך די חסידים, אַז ר' משה אהרן האט די זקנים אָנגעבלאָזען...

עס איז פאַר זיי געווען אַ שווערער ענין.

אונזערע סוחרים האָבען געפייערט איבער אַ האַלבע וואָך, גאַנצע 4 טעג זענען די געשעפטען געווען פערמאַכט און האָבען זיך נישט אָנגעזעהן מיט קיין גראָשען פדיון.

פערגעסט נישט, אַז עס איז געווען ראש-השנה, ווען די געוועלבער-אייגענטימער, וועלכע האַלטען אָפען זייערע קראָמען שבת, האָבען דאסמאָל אויך געמוזט פערמאַכען זייערע קראָמען און ווען עס האָט זיך שוין געענדיגט דער יום-טוב, האט זיך אָנגעהויבען שבת.

איז טאַקי פאַר די דאָזיגע געוועלב-אייגענטימער געווען אַ שווערער ענין ווען זאָלען זיי זייערע געשעפטען עפענען, סיידען דאמאלס, ווען מען צינדט ליכט. דאס רוב סוחרים האָבען זיך אָבער דערויף נישט געקענט דעצידירען און האָבען פרייטאג-צו-נאַכטס אינגאַנצען נישט געעפענט זייערע געוועלבער, נאָר ערשט צומאָרגענס אינדערפריה שבת.

זיי האָבען אפילו געוואלט פרעגען וועגען דעם אַ שאלה ביים רב, צי זיי מעגען עפענען פרייטאג פאַרנאַכט ביים ליכט-צינדען, ווען עס ענדיגט זיך ראש-השנה און עס הויבט זיך אָן שבת, נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי זיך אליין גע'פסק'נט דעם זעהר פאַר זיי שווערען ענין...

צייכענט די נאַציאָנאַלע הלואה.

די פוילישע מלוכה מעג שטאָלץ זיין מיט איהרע בירגער, וועלכע זענען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען די אינטערעסען און דעם וואוילשטאַנד פון זייער פאָטערלאַנד.

די רעגירונג האט אַרויסגעגעבען אַ לאָזונג וועגען איינאָרדנען אַ נאַציאָנאַלע הלואה אין דער גרויס פון 120 מיליאָן, באַלד האט זיך דאס פאָלק אָנגערופען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאַזם און מען קאָן זיכער זיין, אַז די הלואה וועט פיעל איבערשטייגען די בעשטימטע סומע.

אויך אונזערע יודען נעמען דעם אַקטיווסטען אַנטייל אין דער פּראָפּאַגאַנדע און צייכנען די הלואה מיט איבערגעבענהייט און מיט אמת'ן פּאַטריאָטיזם.

ס'איז גאָר אינטערעסאַנט צי די כוליגאַנישע ענדעקעס וועלען כאָטש אונז דאס פערגינען?

איז דאס מיר אַ וואונדער.

די וואָך איז פאַרגעקומען אַ זיצונג פון קהלה-ראַט. מעג מען עס פערצייכענען אַלס די קורצסטע זיצונג, וואס איז פאַרגעקומען אין משך פון דער יעצטיגער קהלה-קאַדענץ.

ווי בעוואוסט צייכענען זיך אויס די זיצונגען פון קהלה-ראַט מיט זייערע אונגאויפהערליכע דיסקוסיעס, וואו מען רעדט און מען רעדט אָהן אַ שיעור און אָהן אַ מאָס. דאסמאָל אָבער האט די זיצונג געדויערט סך-הכול גאַנצע 16 מינוט.

צי דאס איז דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען קיין קוואָרום אָדער ווייל עס איז געווען עשרת ימי התשובה, קאָן איך נישט פעסטשטעלען, אַ פאַקט איז אָבער, אַז דאס איז געווען די קורצסטע זיצונג פון אַלע זיצונגען, וואס זענען פאָרגעקומען אין משך פון לעצטען יאָהר.

הלואי' זאָל די זיצונג, וואס איז פאָרגעקומען אין אָנהויב ניי-יאָהר זיין אַ מוסטער פאַר די אַלע זיצונגען וואס וועלען נאָך פאָרקומען.

וואס, איהר גלויבט נישט דערין? איך אויך נישט...

עס איז אָנגעקומען אַ ספּעציעלע גזירה.

מען דערצעהלט, אַז אין אַ היגער יודישער פאַבריק, וועלכע האט איהר צענטראַלע אין ווארשא, איז אָנגעקומען אַ בעפעהל, אַז דאס ביוראָ-פּערסאָנאַל זאָל דורכאויס אַרבייטען אין ראש-השנה.

דער אייגענטימער איז אַ זוהן פון אַ היגען געוועזענעם כלל-טהוער און וואס איהם האט בעוואויגען צו אַזאַ שאַנד-טהאָט, איז נישט בעוואוסט.

די דאָזיגע להכעיס-גזירה האָט אַרויסגערופען אַ פערביטערונג, סיי ביי די אָנגעשטעלטע, ווי אויך ביי דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג.

גלויבט מיר, אַזאַ פּאַרשוין איז ווערט אַז היטלער זאָל זיך מיט איהם פערנעמען צוליעב אַזאַ גזירה.

איז עס כדינו...

אין שטיבעל, אַלעע 6, דאַווענט ה' מ., וועלכער האַלט זיך פאַר אַ גרויסען תלמיד-חכם און וויל זיין תורה אויך אַנוואַרפען אַלע איבריגע מתפללים. אָפטמאָל קומען צוליעב דעם אַרויס מחלוקות מיט סקאַנדאַלען.

אַ טבע האָט ער דער ה' מ. אַז ווען ער קריגט זיך מיט עמיצען זאָגט ער איהם אַזוי: איז עס כדינו, ד. ה. אויב דו טהוסט, ווי עס זאָגט דער דין זאָל אויף דיר קומען אַ ברכה און אויב נישט זאָל אויף דיר קומען... דאָ קומט אַ גאַנצער צעטיל פון דער תוכחה.

די וואָך זונטאָג איז אויך אַרויסגעקומען אַזאַ שטיקעל מהלוקה צווישען דעם זעלבען ה' מ. מיט ה' פ., צו וועלכען ה' מ. האט זיך געטשעפּעט ביז ער האט איהם געזאָגט דעמזעלבען פזמון: איז עס כדינו, זאָל אויף דיר קומען אַ ברכה ואם לאו, זאָל אויף דיר "קומען... דאס האָט אַזוי אויפגערעגט דעם ה' פ., אַז ער האָט איהם אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש איבער'ן גאַנצען פּנים.

איצט פּלפּול'ען זיך די מתפללים פון שטיבעל אַלעע 6, צי דער אינצידענט צוזאַמען מיט'ן פּאַטש איז געווען כדינו...

זייט מוחל!

ווי שייך, אַז איך זאָל אין משך פון אַזאַ גרויס יאָהר נישט האָבען געגען עמיצען פון אייך, מייגע לעזער, געזינדיגט, בעט איך אייך היינט — אין ערב יום-כפור — אַז איהר זאָלט מיר מוחל זיין.

איבערהויפּט בעט איך מחילה ביי די יעניגע, וועגען וועלכע איך האָב נישט געשריבען וועגען זייערע שווינערייען און האָב צוליעב מורא אָדער צוליעב פערנאָכלעסיגונג נישט אויפגעדעקט זייערע מעשים רעים.

אָט ביי די דאַרף איך באמת שטאַרק בעטען, אַז זיי זאָלען מיר מוחל זיין. טהוט אַ טובה אַנ'אָרימען שרייבער און זייט מוחל!...

לויתן

גלייכווערטלעך אויף יום-כפור.

געזאַמעלט דורך יחיאל טשענסטאָכאָווער.

אור זרוע לצדיק ולישרי לב—שמחה

דער סימבאָל פון יוד איז ליכט. סיי ביי א שמחה, סיי ביי צער—צינדט ער אַלץ אָן ליכט. באַלד ווי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, האָט ער געזאָגט: יהי אור—זאָל זיין ליכט. ביים ברית-מילה, ווערען אנגעצינדען ליכט. דאָס-גלייכען ביי זיין תנאים; ווער שמועסט צו דער חופה—פיהרט מען דאָך איהם מיט אַ סך ליכט. ביי אַנ'אבל ר"ל ברענען זיך די גאנצע שבעה—ליכט. הויבט זיך אָן דער טאָג פון רוה נאָך זיין שווערער אַרבייט און מאַטערניש—דער טאָג פון שבת—צינדט ער ליכט. ענדיגט זיך דער רוה-טאָג און ער געהט צוריק צו זיין אַרבייט, מאַכט ער ווי-דער די ברכה: בורא מאורי האש און צינדט—הבדלה-ליכט. געהט ער גאָט בעטען, מוזען ביים עמוד ברענען ליכט. האָט ער יאָהרצייט נאָך זיינע עלטערן, דערמאָנט ער זיי מיט ליכט. יו"כ, ווען ער וויל פערהייליגען די נשמות פון זיינע פערשטאָרבענע עלטערן—שטעלט ער אין דער שוהל פאָר זייער אָנדענ-קען ליכט. דאָס איז אַלזאָ אַ צייכען, אַז דער יוד וויל געהן „אין דער ליכט, נישט אין דער פינסטערניש. דעריבער, איידער מען זאָגט כל נדרי, ווערט אויסגעקליבען דער חשוב'סטער מענש, וואָס געפינט זיך אין בית התפילה, (אין דער שוהל געהערט דאָס צום רב), וועלכער נעמט אַרויס אַ ספר תורה און געהט אַרום דעם בלעמער, זאָגענ-דיג מיט דער בעגלייטונג פון גאַנץ קהל: אור זרוע לצדיק ולישרי לב—שמחה—דאָס ליכט, וואָס וועט ברענען ביים צדיק און גוטהערציגע מענשען, זאָל זיין אַנ'אור, אַ ליכט פון שמחה—ביי אַ ברית, חתונה אָדער אַנאַנדער שמחה, נישט חלילה וחס ביי אַ טויט-פאַל אָדער ביי אַנ'אַנדער אומגליק.

אך אם יום או יומים יעמוד—לא יקם.

אויב אַ יוד, וואָס אַ גאַנץ יאָהר זעהט מען איהם נישט אין קיין שיהל ביי אַ דאַווענען, נאָר יום—דעם טאָג פון יום כפור, או יומים—די צוויי טעג ראש השנה—יעמוד, נאָר דאַמאָלס שטעלט ער זיך צום דאַווענען און מיינט אַז דערמיט איז ער שוין יוצא—לא יקם,— זאָגט דער פסוק—ניין, מיט דעם וועט ער זיך נאָך נישט ריינוואַשען.

וקל וחומר במתתי.

עס איז פאַרהאַן אַ פאָלקס-וואָרט, אַז בעת אַ מענש ליגט קראַנק און קען זיך נישט ריהרען, זאָגט מען, ער ליגט ווי אַ שטיק קל וחומר; דאָס נעמט זיך פון דער יום-כפור'דיגער שמונה עשרה, וואו מען זאָגט: עפר אני בחיי—א שטיק ערד בין איך ביים לעבען. קל והומר—במתתי, אַ שטיק קל וחומר—ביי מיין טויט...

כפרות-שלאָגען.

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ יוד, אַ סוחר, פון וואַנען נעמט זיך דאָס כפרות שלאָגען, ווען מען דרעהט אַרום מיט דעם האָהן. האָט ער דערויף אַזוי געענטפערט: אַ יוד דרעהט אַ גאַנץ יאָהר, זיין גאַנצער מסחר און לעבען איז פערבינדען מיט דרעהען, און אַזוי ווי ביי פיעל דרעהען קען מען ווערען די כפרה, נעמט מען זיך אַ האָהן, מיט וועלכען מען דרעהט אַרום און מ'זאָגט: זה חליפתי, זה תמורתי—דו האָהן טהו מיך פערטרעטען ביים דרעהען און זה כפרתי—זיי גלייכצייטיג אויך מיין כפרה.

א מאַנאָלאָג פון א כפרה.

אני הגבר, איך האָהן, ראה עני בשבט אברתו, איך מוז נעבעך צוזעהען דעם פיין און צרות, וואָס מיין בעל הבית טהוט מיט מיר, אותי נהג וילך, אַ גאַנץ יאָהר טהוט ער אַלדעס בייז, און פאַר יו"כ נעמט ער מיך און דרעהט מיט מיר אַרום, חשך ולא אור, דאָס מאַכט ער ביי נאַכט אין דער פינסטער, צר שעהמט זיך עס צו מאַכען ביי טאָג. אך בי ישוב, ער מיינט, אַז דערמיט, וואָס ער דרעהט מיך אַרום מיט זיין האַנד—ישוב, האָט ער שוין דערמיט תשובה געטהון און מעג זיך שוין נע-מען פריש צו זינדיגען, יהפוך ידו כל היום— אייב ער מיינט טאָקי דאָס, מעג ער שוין דרעהען אַ גאַנצען טאָג, און עס וועט איהם גאָרנישט העלפען.

כי אנו עמיך.

אַ ישוב'ניק, וועלכער האָט זיך גע-וואָלט בעווייזען פאַר'ן רב, אַז ער איז אַ למדן, האָט יו"כ בשעת הפסקה גע-פרעגט דעם רב, וואו ס'געפינט זיך אין הייליגען מחזור'ל, אַז יודען מוזען זיין אָרימעלייט. דער רב האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זעהט איהר, רבי—האָט דאַן מיט טריומף גע-זאָגט דער ישובניק—איהר ווייסט נישט און איך ווייס יאָ. עס שטעהט: כי אנו (עני) עמיך דיין פאָלק מוז בעשטעהן פון אָרימעלייט.

Przyjmuję do solidnego wykonania po cenach b. przystępnych
wszelkie roboty kreślarskie i plany
w zakresie budownictwa, kanalizacji, jak również PLANY FABRYCZNE w CELU OTRZYMANIA KONCESJI.
Wiadomość: M BERLINER
Częstochowa, Strażacka 5.

דער אמת מוז זיעגען!

דעם 10 ד. ח. איז אין טשענסטאָ-כאָוו פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט-פערזאַמ-לונג, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו רעאַגירען געגען די שאַכער-מאַכער וועלכע האָבען געשלאָסען אַ העסליכען אָבמאַך מיט דער היטלער - רעגירונג בנוגע אַ האַנדעל-אויסטויש פון ארץ-ישראל פאַמעראַנצען מיט דייטשע אויס-אַרבייטונגען.

דער דאָזיגער שענדליכער און אומ-געלומפערטער אָבמאַך האָט ערנידריגט דעם כבוד פון גאַנצען יודענטום און דעם פּרעסטיזש פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אָדער טהוער, וועלכע האָבען צוגעלעגט צו איהם אַ האַנד און דאָס צוליעב פּערזענליכען נוצען.

דער פּראָטעסט-מיטינג האָט אויך גע-האַט די אויפגאַבע אויסצודריקען אַנער-קענונג די ה"ה: סטיפען וויז, זאב זשאַבאָטינסקי, מאיר גראָסמאַן און דעפ. ראָזמאַרין און אויפפאָדערן זיי צום ווייטערען קאַמף ביז דער נידערטרעכ-טיגער אָבמאַך וועט אויפגעלעזט ווע-רען.

אַלס פאַרזיצער פון דאָזיגען מיטינג האָב איך אין מיין ערעפנונגס - רעדע אָנגעוויזען, אַז מיר האָבען זיך נישט פערזאַמעלט צו מאַכען פּאָליטיק אָדער קריטיקירען אָרגאַניזאַציעס, נאָר מיר זענען געקומען פערורטיילען און פּראָ-טעסטירען געגען די פערזאָנען—ווער דאָס זאָל נישט זיין—וועלכע האָבען דעם שענדליכען אָבמאַך מיט דער בארבא-רישער היטלער - רעגירונג נעשלאָסען, ווייל ווי אַזוי קענען מיר האָבען אַ פּראָטעסט-ציע צו ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, וואָס זיצען ביי איין טיש מיט אַזעלכע רוצחים, אין דער צייט, ווען אונזערע נאַציאָנאַלע יודען האָ-בען זיך אַליין געזעצט צום טיש מיט די דאָזיגע מערדער. דאָס איז—האָב איך ווייטער ערקלערט אַנ'אונערהערטער סקאַנדאַל און יעדער עהרליכער ציוניסט, יעדער עהרליכער יוד און יעדער עהרליכער מענש, דאַרף געגען דעם פּראָטעסטירען און קעמפען, אַז דער אָבמאַך זאָל בטל ווערען.

די ה"ה אָבער פון „אונזער וועג" האָבען דעם דאָזיגען מיטינג נישט גע-קאָנט פערדייען, ווייל דער מיטינג איז אָרגאַניזירט געוואָרען דורך אַזעלכע פערזאָנען, וועלכע דענקען נישט אַזוי ווי עס ווילען אונפערשכעהן די ה"ה פון „אונזער וועג" און צוליעב דעם האָבען זיי אָבגעדריקט אַ פאַמפלעט, אַז דער מיטינג איז אָרגאַניזירט גע-וואָרען דורך רעוויזיאָניסטען-בונדיסטען, עס האָט נאָר געפעהלט דאָס איינע צוצוגעבען אויך דאָס וואָרט קאָמוניס-טען.

איך שרעק מיך נישט אָב פאַר דעם צוזאַמענשטעל אָדער פאַר דעם מעזאַ-ליאַנס, וואָס זיי האָבען געמאַכט, עס ווילט זיך נאָך פרעגען אָט די ה"ה: וואָס האָבען זיי שוין פאַר דעם ציו-ניזם געטהון? וואָס האָבען זיי שוין פאַר ארץ-ישראל ממשות'דיגעס געשאַ-פען? איך גלויב און ווייס, אַז מעהר ווי שאַדען דורך זייער העסליכער פּאָ-ליטיק, האָבען זיי פאַר'ן אויפבוי פון אונזער אַלט-ניי-לאַנד גאָרנישט גע-בראַכט; מעהר ווי צושפּליטערונג אין די ציוניסטישע רייהען, אָבשמוטסונג פון אמת'ע נאַציאָנאַלע טהוער, וועלכע האָבען מיט לייב און זעעלע פאַר דעם אויפבוי פון ארץ געאַרבייט, געשאַפען און אַליין געגעבען — האָבען די ה"ה פון „אונזער וועג" גאָרנישט געטהון.

אָבער די דאָזיגע ה"ה מיט זייער קליינקעפּעלדיגקייט און צוליעב זייער פערזענליכע אַמביציעס און נאַרישקיי-טען געהען שוין אַזוי ווייט, אַז זיי נעהמען שוין אפילו די פערשווינען פון טרויעריגען פאַמעראַנצען-אָבמאַך אונ-טער זייער שוץ און צוליעב דעם נע-מען זיי פערזאָנען, וועלכע האָבען פאַר ארץ-ישראל אַזוי פיעל געשאַפען און געגעבען, פערזאָנען, ביי וועלכע ארץ-ישראל איז דאָס האַרץ און די נשמה און אָט די אידעאַליסטען מאַכען זיי פאַר פערדעטער, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווולען נישט מיטמאַכען די העסלי-כע פּאָליטיק, וואָס זיי די ה"ה פון „אונזער וועג" צוזאַמען מיט די פּאָמע-ראַנצען-מאַכער פיהרען אָן.

עס וועט זיי אָבער נישט העלפען. אונזערע אויפריכטיגע קעמפער, די חשוב'ע סטיפען וויז, זשאַבאָטינסקי, גראָסמאַן, ראָזמארין, פאַרבשטיין, שטרי-קער א. א., וועלכע מיר אנערקענען פאַר די אמת'ע פאַרשטעהער פון יודי-שען פאָלק, וועלען ווייטער זייער קאַמף פיהרען, ביז דער אמת וועט סוף כל סוף זיעגען.

ש. ניעמיראָווסקי.

דער „ווילדער מענש".

אין די נאָהענטסטע טעג, ווערט דורכ'ן היגען דראַמאַטישען קרייז, אויפ-געפיהרט די בעוואוסטע דראַמאַ פון יעקב גאָרדין דער „ווילדער מענש".

די פּיעסע איז זעהר גוט איינגע-זשיסירט געוואָרען און דאָס גיט די גאַראַנטיע, אַז די טעאַטער בעזוכער וועלען פון דער פאָרשטעלונג האָבען אַ גייסטיגען געניס.

זמן תפלה יו"כ אין דער נייער שוהל.

פרייטאָג: כל נדרי און פרעדיגט 5.20. שבת שחרית 8.00. מזכיר און פרעדיגט 10.30. מוסף 11.45. מנחה 4.00. נעילה 4.45.

העברעאישער קלאַנג - פילם אין „סטילאָווי".

ווי מיר ווערען געוואויר איז דעם „טאָז" געלונגען אַראָבצוברענגען נאָך טשענסטאָכאָוו דעם ערשטען קלאַנג פילם אין דער העברעאישער שפּראַך א. נ. „דאָס נייע ארץ-ישראל".

אין דעם פילם ווערען געוויזען די לעצטע אויפנאַמען פון פּאַלעסטינע, צווישען אַנדערע די לעצטע מכבי'אַדע אין תל-אביב, די פורים-עדלידע פייער-ליכקייטען אויף די תל-אביב'ער גאַסען, די ל"ג-בעומר פייערונג אויפ'ן קבר פון ר' שמעון ב"ר יוחאי אין מירון, דאַן אַ רייהע אינטערעסאַנטע בילדער פון קינ-דער לעבען, פון דער ספּעציעלער קינדער-קאָלאָניע „כפר ילדים" א.א.

דער פילם וועט געגעבען ווערען דאָנערשטאָג און פרייטאָג די ערשטע טעג סוכות און שבת דעם ערשטען טאָג חול-המועד, צו 2 סעאַנסען טעגליך פון 1-30 און 3 30 נאָכמיטאָג. איינגאַנג אויף יעדען סעאַנס בעזונדער. איינ-גאַנגס-פּרייזען נאָרמאַלע פון 49 גראָשען אָן.

דער פילם האָט אַרויסגערופען די פערדינטע פּעראינטערעסירונג און עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק דאָס ער וועט צאָהלרייך בעזוכט ווערען.

דער פּאַטאַגאָנישער קאָנקורס.

דעם 7 אָקטאָבער ד. י., דעם 1 טען טאָג חול-המועד סוכות קומט פאָר אין זאַל פון די פייערלעשער אַ פּאַטאַגאָני-שער קאָנקורס פערבינדען מיט אַ גראַנ-דיעזען דאַנסינג.

דער פּאַטאַגאָנישער קאָנקורס וועט זיין דער ערשטער פון דעם מין קאָנ-קורסען אין טשענסטאָכאָוו. די אויפנאַה-מען וועלען געמאַכט ווערען סיי אינדי-ווידועל סיי גרופּענווייז.

דער יורי, וועלכער וועט בעשטעהן פון בעקאַנטע פּאַכמענער אויף דעם געביעט וועט בעשטימען די לאַורעאַטען, וועלכע וועלען בעקומען גרויסע פּאַטאַ-סען און וועלען רעפּראָדוצירט זיין אין וואָכענבלאַט „קינאָ" ווי אויך אין אָרטי-גע קינאָ-טעאַטערס.

נאָך דעם אורטייל פון יורי וועט אויפגעפיהרט ווערען — „טאַנגאָ פון די פּאַטאַגאָנישע".

דער פּאַטאַגאָנישער קינדער קאָנקורס קומט פאָר אין דעם זעלבען זאַל 3 אַ זייגער בייטאָג און וועט זיין פערבינדען מיט א גרויסער קינדער פערוויילונג.

איינגאַנג פאַר קינדער 75 גראָשען, אין אָוונט פאַר עלטערע 1.50 זל. נור געגען איינלאַדונגען, וועלכע ווערען שוין צושיקט.

על חטא.

דורכ'ן הימלישען ראַדיאָ, וועלכער האָט טראַנסמיטירט די יום-כפור'דיגע תפלות בכל קצוי ארץ (אין דער פמליא של מעלה ווערען איינגעפיהרט די זעל-בע אָרדנונגען ווי ביי דער פמליא של מטה, וועלכע האָט היי-יאָהר טראַנ-סמיטירט די תפלות, אַזוי, אַז די יודען, וואָס האָבען נישט קיין צייט צו געהן אין דער שוהל אריין, זאָלען קאָנען אויסהערען דעם חזן אינדערהיים) האָב איך געהאָט די מעגליכקייט זיך צו בעקאָנען מיט אַ רייהע תפלות ובקשות, וואָס אונזערע יודען בעטען ביים הימעל אין יום הכפור.

היות אָבער, ווי איך בין געבינדען מיט אַ וואָרט נישט מגלה צו זיין אַלץ, וואָס איך האָב געהערט, האָב איך גע-נומען ערלויבניש כאָטש אַ קליינעם טייל „אויסצוזאָגען" פון חדר.

אַממעהרסטען האָבען מיך פעראינ-טערעסירט די על חטא'ס, דאָס מתודה זיין זיך פון די בעגאַנגענע חטאים, וואָרום די זינד איז גרויס און די מענ-שליכע תאוה איז אין לשער.

וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז איך האָב אין משך פון גאַנצען טאָג נישט געהערט קיין איין אויפריכטיג וואָרט, קיין איין וידוי, וואָס זאָל שטימען מיט דער ווירקליכקייט. זיי האָבען די על חטא'ס אָדורכגעפיהרט בחפזון, אַזוי אַז ס'איז אַרויסגעקומען געפּאַנפּעט. דערפאַר אָבער ביי דעם ועל כולם, האָבען זיי זיך געציקעלט און מיט גרויס הנאה געצויגען יעדעס וואָרט אַזוי, ווי זיי וואָלטען געוועזען זיכער, דאָס מען וועט זיי פערגעבען אַלע זינד און מען וועט זיי מוחל זיין פאַר אַלע שווינערייען, וואָס זיי האָבען אָבגעטהון אַ גאַנץ יאָהר. מען האָט מיט זיי רעגולירט, געמאַכט אַ פּרייז קאָנטאַ, כדי זיי זאָלען קאָנען פון דאָס ניי אָנהויבען צו זינדיגען....

נאָכ'ן סך הכל פון אַ גאַנצען טאָג האָט דער ספּיקער געמאַכט אַ קליינעם אויסצוג פון די על חטא'ס, וואָס האָבען בעדאַרפט אָנקומען אין הימעל אַריין און זענען ערגיץ פערלוירען געוואָרען אין די פּוואַליעס פון די מענשליכע רשעות און חניפה, ואלה הם: אָט דאָס זענען אַ טייל פון די על חטא'ס, וואָס האָבען געמוזט, אָבער נישט דערמאָנט געוואָרען:

על חטא די פון אונז ווירטסלייט, וואָס רייסען די הויט פון די לאָקאַ-טאָרען, וועלכע אויב זיי צאָהלען נישט, וואַרפט מען זיי אַרויס אויפ'ן ברוק און אונז אַרט נישט זייער גורל, ווייל דאָס איז דאָך נישט אונזער זינד. ווייל מיר מוזען דאָך צאָהלען פּאָדאַטקעס דעם מאַגיסטראַט, און די הייזער זענען נעבעך אונזער אומגליק. הלואי זאָלען די לאָקאַטאָרען געשטראָפט ווערען מיט אייגענע הייזער, וועלען זיי וויסען אונזער טעם...

על חטא פון אונז יודישע סוחרים און פאַבריקאַנטען, ווען מען וואַרפט פאַר, אַז מיר האַנדלען ווייטער מיט דייטשלאַנד. וואָס זאָלען מיר אָבער טהון, אַז מיר בעקומען נישט אַנדער-שוואו די זעלבע סחורה. איבריגענס, אויב אונזערע קאָנקורענטען וועלען נישט קויפען אין דייטשלאַנד קיין סחורה, וועלען מיר צוליב טהון דעם כלל ישראל און אויך נישט קויפען קיין דייטשע אויסאַרבייטונגען.

על חטא—מיר האַלטען דעם דריי מיליאָן-אָבמאַך מיט היטלערן נישט פאַר קיין חטא, דאָס איז לויט אונזער מיי-נונג אין די אינטערעסען פון יודישען פאָלק. איבריגענס, וואָס האָט איהר צו אונז, אַז מען מעג מאַכען אַ פּאָמע-ראַנצען-אָבמאַך מעגען מיר אוודאי.

על חטא—וואָס איהר האָט טענות, אַז מיר מסר'ן, און דאָס זאָל זיין אויך אַ חטא, איז אַ סימן, אַז איהר זענט אַ בטלן און נישט קיין פּאַרטיי-מאַן. על פי הלכות הפּאָליטיק איז אַ מסור, וואָס מאַכט יענעם אומגליקליך, גאָר אַ חשוב'ער מענש און ווערט אָנ-גערופען אַ העלד, וועלכער דאַרף בע-קומען אַ מעדאַל פאַר זיין אויפטהועכץ און פּאַרטיי-פּאָליטיקער זענען זיך גאָר מיט אַזעלכען מייחס.

על חטא בשנאת חנם—אַזאַ זינד איז גאָר אינגאַנצען נישט פערהאַן, וואָרום יעדער איינער זאָגט, אַז ער טהוט אָב אַלע שווינערייען נישט בחנם. ער בעקומט אָדער האָפט דערפאַר עפּיס צו בעקומען און אויב נישט, טהוט ער דאָס צוליעב ריינעם אידעאַליזם....

על חטא—אונזערע יודישע טעכטער, וועלכע פערנעמען זיך זייער גאַנץ לע-בען מיט נאַרישקייטען, מיט דאַנסינ-גען און ראַנדקעס און פון יודישען לע-בען זענען זיי ווייט, נאָכמעהר זיי שעהמען זיך גאָר מודה צו זיין, אַז זיי קאָנען יודיש און די גרעסטע חרפה איז זיך צו בעקענען מיט דער יודי-שער ליטעראַטור. פאַר זייער גרעסטע העלדישקייט האַלטען זיי זייער טאַנצען אין בלאַשטשינסקי'ס צוקערניע מיט פאַרוטשניקעס.

על חטא—מיר לאָזען אונטערגעהן הערליכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען די אויפגאַבע צו היילען און אויסצו-האַלטען יודישע אָרימע און קראַנקע און מיר ווילען נישט צאָהלען דעם מינימאַלען חודש-אָבצאָהל, מיט'ן אויס-רייד, אַז עס איז אַ קריזיס.

על חטא—אונזערע דאָזאָרעס און פּרנסים, וואָס האָבען צוגעזאָגט זייערע וועהלער צו אַרבייטען געטריי פאַר'ן היגען כלל - ישראל, שטערען זיי גאָר אין דער אַרבייט, פערנעמען זיך מיט אַרומרייסעניישען און מחלוקות און ווי-לען דערפיהרען די קהלה צום אונטער-גאַנג.

על חטא—וואָס מיר זענען אַזעלכע פחדנים, וואָס שרעקען זיך פאַר'ן מינ-דעסטען כוליגאַן און בעהאַלטען זיך. עס וואָלט נישט געווען קיין חטא, ווען מען צוברעכט אַזאַ לאָבוז די ביינער, בעת ער בעפאַלט יודען.

על חטא—די סקאַרב-זיצער, וועלכע זאָגען יעדען צו איהם צו פערטיידיגען בעת דער שטייער - אויסמעסטונג און בעת מעשה פערגעסען זיי אינגאַנצען און לאָזען אַלץ אויף גאָט'ס בעראַט.

על חטא—מיר זשורנאַליסטען, וועל-כע זענען נישט עהרליך אין אונזער אַרבייט, אַנשטאָט אויפצודעקען די מעשים תעתועים פון אונזערע כלל-טהו-ער און פערזאָרגער, מאַכען מיר גאָר אַ שווייג און האָבען פחד צו דערצעה-לען אַ וואָרט, מורא האָבענדיג, אַז זיי וועלען אויפהערען צו קויפען די צייטונג און אנשטאָט דעם לויבט מען זיי אין הימעל אַריין.

על חטא—שרייט אויס דער ספּיקער —עס וועט אייך נישט העלפען, איהר ברואים, וואָס מאַכען אַ פּרום פּנים, אַז איהר זענט גאָט די נשמה שולדיג. מיר קאָנען זיך אויף אייך און ווען אפילו איהר זענט זיך נישט מורה אויף איי-ערע בעגאַנגענע חטאים, וועט איהר אויך בעקומען אייער פערדיענטע שטראָף.

נאָהנט איז דער טאָג, ווען די אַלע ווערים, וועלכע פויזען אַרום און מאַ-כען אָן אַנ'עיפוש אין נאָמען פון זיי-ערע פּאַרטייען און אידעאַלען, ווען פּאַקטיש זענען דאָס נאָר קליינליכע פּערזענליכע אַמביציעס, זיי אַלע ווע-לען בעקומען אַ פערדינטען שכר — זיי וועלען זיין פאַר אַ כפרה....

איך האָב זיך איינגעהערט אין דער באַריטאָן-שטימע פון ספּיקער און האָב אין איהם דערקאַנט דעם שטענדיג-הי-מלישען פּראָקוראָר, וואָס הייסט מיט זיין אמת'ן נאָמען

סמאַל

אַ בשורה טובה.

עס איז שוין צו בעקומען

ארץ-ישראל אין **קאַרפוער אתרוגים**

לולבים והדסים אין דער לאַנגיעהריגער פירמע

פּשעראָווסקי, וואַרשאַווער 21

אין פּישהאַלטער'ס הויז, וועלכע עקזיסטירט זייט 40 יאָהר.
צוליעב דעם קריזיס האָבען מיר בעשלאָסען היי-יאָהר צו פערקויפען
פון 5 זל. אָן אַ גאַנץ געשטעל.

געדענקט די אדרעס: פּשעראָווסקי, וואַרשאַווער 21.

די יודישע טאַנץ-שולע

מ. לובענסקי פּילסודסקי 29

עגז. פון 1904

נעמט אָן **איינשרייבונגען אויף טאַנץ-לעקציעס**

שבת, דעם 30 ד. ח. 8 אָוונד קומט פאָר די צווייטע פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער יוגענד.

דיפּלאָמירטער טאַנץ-לעהרער מ. לובענסקי.

די קאָנצעסיאָנירטע מלוכה - קאָלעקטור 1216

משה זעליגמאַן (וויטשערפ)

איז מודיע, אַז עס איז שוין צו בעקומען
לאָסען צו דער 1 קלאַס 28 מלוכה-לאָטעריע
אַ פערטל לאָס 10 זל., האַלבער—20, גאַנצער 40 זל.

גרעסטע געווינס 2.000.000 זל

די חברה „שומרי שבת" מאַכט אויפמערקזאַם, דאַס מוצאי יום - כפור דאַרף נישט פריהער אָנגעצינדען ווערען ווי 6.36 אָוונד.

חברה „שומרי שבת".

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. **K. Kosteckiego**

w lokalu własnym Waszyngtona 6

przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.

Opłata za lekcje przystępna

שבת, 30 ד.ה. 8 אָוונד פּראַקטישע לעקציע
פאַר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדען שבת
8 אָוונד. לעצטע מוזיק - שלאַגערס. ביליגע פּרייזען.

פרוי, טהוט זיך נישט קיין עולה!

גיט גוט אַכטונג אויף דער סחורה, וואָס איהר קויפט! לעצטענס בעמיהט מען זיך אָפט צו פערקויפען די הויז-פּרויען אַנשטאַט די פאַבריקאַטען פון ד"ר עטקער, וואָס זענען בעקאַנט זייט צעהנדליגער יאָהרען מיט זייער בעריהמטער קוואַליטעט אַנדערע אויסאַרבייטונגען אין נאָכגעמאַכטער פּערפּאַקונג אָבער פון ערגערער קוואַליטעט. מ'דאַרף דעריבער ביים איינקויפען אַכטונג געבען אויף דעם, אַז אויף דער פּאַקונג זאָלען זיך געפינען דער נאָמען „ד"ר עטקער" און די שוץ-מאַרקע „אַ העלער קאָפּ" און קיינע נאָכמאַכונגען נישט אָננעהמען.

צוליב דעם גרויסען אומזאַץ קאָן מען שטענדיג בעקומען פרישע פּודינגס ד"ר עטקער אויך ד"ר עטקער'ס פּראַשעק צום-באַקען „באַקין" און זיין וואַניליען צוקער.

Dr. A. OETKER

פאַבריק פון ערנעהרונגס מיטלען.

Bank Spółdzielczy

Przemysłowców i Kupców

z ogr. odp.

w CZĘSTOCHOWIE

przyjmuje subskrypcję na

6% POŻYCZKĘ NARODOWĄ

na warunkach obwieszczenia Ministerstwa Skarbu.

Subskrypcję

6% POŻYCZKI NARODOWEJ

przyjmuje

CZĘSTOCHOWSKI BANK SPÓŁDZIELCZY

Z OGRAN. ODPOW.

ALEJA 7.

בעקאַנטמאַכונג.

נאָכדעם ווי דער קצב **עזריאל בוינאַצקי** קאַטשושקי 21 האט זיך אונטערגעוואָרפען אַלע בעשלוסען פון ראַבינאַט שטעהט ער אונטער השגחת הבד"צ.

טשענסטחוב ד' עשי"ת תרצ"ד. הרב ובד"צ דפה.

פייערליכע עפנונג פון דער נאַציאָנאַלער הלואה אין טשענסטאָכאָוו.

מיטוואָך אָוונד איז פאָרגעקומען לכּבוד דער נאַציאָנאַלער הלואה אַ צאַפּסטזשיק און פייערליכער צוג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, שולען, פייערלעשער ביים שיין פון עטליכע צעהנדלינג פאַקעלען און ביי די קלאַנגען פון עטליכע אָרקעסטערס. צו די פערזאַמעלטע אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ האט אַ שעהנע רעדע געהאַלטען אַדוו. באַגאַבאַוויטש אין נאָמען פון דער פעדעראַציע פון די מלחמה קאַמבאַטאַנטען.

נעכטען 8 אַ זייגער פריה איז אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ פאָרגעקומען די פייערליכע עפנונג פון דער סובסקריפּציע. צו דער עפנונג זענען געקומען פאָרשטעהער פון דער מאַכט, די שולען, פיעל אָרגאַניזאַציעס, בעאַמטע א.ד.גל. פון אַ ספּעציעלער טריבונע האט דיר. קאַבילעצקי געהאַלטען אַ רעדע וועגען דער בעדייטונג פון דער הלואה און נאָכדעם ווי דער מיליטערישער אָרקעסטער האט געשפּילט דעם מלוכה הימן האט זיך אָנגעהויבען די צייכנונג פון דער הלואה ביי די ספּעציעל אוועקגעשטעלטע טישלעך. דער ערשטער האט אונטערגעשריבען דער סטאַראָסטאַ ה' עאוסטאכיעוויטש, דאַן דער שטאָדט-קאָמיסאַר ה' מאַצקעוויטש און דערנאָך אַלע העכערע בעאַמטע א.א.וו.

אַ גאַנצען טאָג האָבען די סובסקריבענטען דעפּילירט פאַר די טישלעך, צייכנענדיג די הלואה. אויף אַ ספּעציעלער טאָפעל זענען נאָטירט געוואָרען די רעזולטאַטען פון דער סובסקריפּציע אין אונזער שטאָדט. ביז 7 אַ זייגער אָוונט האט טשענסטאָכאָוו געגעבען אויף דער הלואה 1.145.400 זל.

פּלענאַרע זיצונג פון קהלה - ראַט.

פאָרגאַנגענעם זונטאג איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פון קהלה-ראַט. וואו עס איז בעשלאָסען געוואָרען.

1) לויט'ן פאָרשלאָג פון דער פערוואַלטונג צו סובסקריבירען 1000 זל. אויף דער נאַציאָנאַלער הלואה 2) אַז דער מינימום פון עטאַט אויפ'ן 1934 יאָהר זאָל זיך אָנהויבען פון 5 זל. אָן.

די פאָרשלאָגען פון פּרנס דזיאַלאָשיסקי וועגען קלויבען קאָמיסיעס פון קהלה ראַט און אָננעמען אַ פּראָטעסט רעזאָלוציע געגען די ברעכער פון באָיקאָט אויף דייטשע סחורות איז צוליב'ן פעהלען פון אַ קוואָרום אָבגעלייגט געוואָרען אויף דער נעכסטער זיצונג.

מ'האָט זיי ווידער געבעטען ישב'ענען.

די אויף דער פריי אַרויסגעלאָזטע ענדעקעס, וועלכע זענען באַלד נאָכ'ן אַרויסגעהן פון תפיסה בעפאַלען לעצטען מאָנטאג יודישע פאַרבייגעהער אין דער ערשטער אַלעע, זענען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט עהערנעכטען געשטעלט געוואָרען פאַר'ן סטאַראָסטוואָ-געריכט, וועלכעס האט בעשטראָפט דעם סטודענט עאוזעביוש לייטנער, דעם דענטיסטישען טעכניקער ווינצענטי אָפּאַלאַ, דעם פּריוואַט-בעאַמטען אַדאַם געמביטש, דעם ערד-אַרבייטער סטאַניסלאַוו דעסקאַ און דעם אַרבייטער פעליקס ראָק מיט 60 טאג אונבעדינגטען אַרעסט יעדען און דעם אַרבייטער פיאָטר סוליגאַ מיט 30 טעג אַרעסט.

פון דער ציוניסטישער אקאדעמישער יוגענד.

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די ציוניסטישע אַקאַדעמישע יוגענד, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 17-טען און 24-טען ד. ח. זענען אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

די ציוניסטישע אַקאַדעמישע יוגענד בעגריסט מיט צופרידענהייט די אָנשטרענגונגען פון די לידער'ס פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע געהען אין די ריכטונגען צו פערוואַנדלען דעם העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים אין אַ נאָרמאַלען און רופט זיי צו פיהרען דעם קאַמף ביז צום ענדגילטיגען נצחון.

די אַקאַדעמישע ציוניסטישע יוגענד איז איבערצייגט, אַז די ניי-געוועהלטע ציוניסטישע-עקזעקוטיווע, אַבוואָהל זי רעפּרעזענטירט נישט אַלע פראַקציעס פון דער אַלגעמייגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועט זי דאַן אין אַ גלייכער מאָס בעהאַנדלען אַלע גרופּירונגען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, וועלכע שטרעבען צום אויפבוי פון ארץ-ישראל.

די ציוניסטישע אַקאַדעמישע יוגענד דרוקט אויס איהר גרעסטע פאַרביטערונג צו די שפּעקולאַציעס פון די יעניגע קרייזען צוליב דעם שענדליכען פּאַמעראַנצען-אָבמאַך מיט די שונאים פון יודישען פאָלק מיט וועלכען זיי האָבען פערלעצט זייער כבוד און זי אייניגט זיך מיט יעדער אַקציע, וועלכע האט דעם ציעל צו בעקעמפען דאס היטלעריסטישע דייטשלאַנד.

פון ראַבינאַט.

ווי מען טיילט אונז מיט פון ראַבינאַט איז די צייט פון מוי"כ ווען עס וועט זיין 3 קליינע שטערן. גאָר אויבּ עס וועט נישט זיין קיין שטערן איז די צייט 6 מיט 31 מינוטען.

די „סאַמאָפּאָמאָצי" פון יוד. גימנאַזיום פאָר דער נאַצ. הלואה.

די שילער-זעלבסטהילף פון יודישען גימנאַזיום האט געצייכענט די נאַציאָנאַלע הלואה אויף אַ סומע פון 100 זל.

ה' שמאַראַגד איז אַרויסגעטרעטען פון „מכבי".

אויף דער מאָנטאג'דיגער פערוואַלטונגס-זיצונג פון „מכבי" איז אָנגענומען געוואָרען די דעמיסיע פון ה' שמאַראַגד אַלס ספּאָרט - לייטער און מיטגליעד פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

קאָמוניקאַט.

די לעצטע טעג האט די קהלה-פערוואַלטונג בעקומען צוגעשיקט אַ בעריכט פון דער לוסטראַציע פון דער קהלה-ווירטשאַפט אין יאָהר 1932, וועלכע איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען דורך דער אויפזיכטס-מאַכט. אין דאָזיגען בעריכט ווערט געטאַדעלט די טעטיגקייט פון דער געוועזענער פערוואַלטונג.

אין שייכות מיט'ן דערמאָנטען זענען אין „אונזער וועג" (נומער 38) פערעפענטליכט געוואָרען אַן אַרטיקעל א.ט. „די סקאַנדאַליעזע ווירטשאַפט אין דער קהלה" ווי אויך אַ בעריכט פון דער לעצטער פערוואַלטונגס-זיצונג, אין וועלכע ס'ווערט געפּרובט צוצושרייבען די דאָזיגע פאָרוואורפען מצד דער אויפזיכטס-מאַכט דער יעצטיגער קהלה פערוואַלטונג.

איך געפון פאַר נויטיג צו ערקלערען, אַז די לוסטראַציע בעציהט זיך — ווי ס'ווערט בפירוש געזאָגט אין דעם לוסטראַציע פּראָטאָקאָל ווי אויך אין די נאָך לוסטראַציע - פאַראָדנונגען — צום יאָהר 1932 און נישט צו דער טעטיגקייט פון דער יעצטיגער פערוואַלטונג.

דער „אונזער וועג" האָט, ווייזט אויס, מיט כיוון פאָרגעשטעלט דעם ענין אויף אַזאַ אופן, כדי אַריינצופיהרען די עפענטליכע מיינונג אין אַ טעות.

פאַלש איז אויך איבערגעגעבען געוואָרען אין „אונזער וועג" דער טייל פון בעריכט וועגען דער לעצטער פערוואַלטונגס-זיצונג, אין וועלכען ס'ווערט געזאָגט, אַז „דעם ה' פּאַגעל האָט נישט געפעלען דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע און האָט דעריבער דעקאָמפּלעטירט די זיצונג". ה' פּאַגעל האָט פערלאָזט די זיצונג בעת'ן לעזען דעם פּראָטאָקאָל און ער איז בכלל נישט אָנוועזענד געוועזען ווען די קאָמיסיע איז געוועהלט געוואָרען.

י. ראָזענבערג

פאָרזיצער פון דער קהלה-פערוואַלטונג.

די גליקליכע קאָלעקטור

M. Jasiński, B. Joselewicza 5

ווינשט איהרע ג. קליענטען אַ גמר חתימה טובה.

גלייכצייטיג טיילען מיר מיט, אַז עס איז שוין צו בעקומען לאָסען צו דער ערשטער קלאַס פון דער 28 טער מלוכה-לאָטעריע.

אַ פערטיל לאָס 10 זל., אַ האַלבער 20 זל. אַ גאַנצער 40 זל.

געדענקט די אַדרעס: **M. Jasiński, B. Joselewicza 5**

בעמערקונג: ביי דער 5-טער קלאַס איז ביי אונז געפאַלען אַ פּרעמיע פון 5.000 זל. אויפ'ן № 124382; 2.000 זל. אויפ'ן № 58181, № 124397—2.000 און פיעל קלענערע געווינסען.

געדענקט די אַדרעס: סענאַטאָרסקאַ № 15 | ולקחתם לכם פרי עץ הדר | געדענקט די אַדרעס: סענאַטאָרסקאַ № 15

ארץ-ישראל אתרוגים אויך קאַרפוער

מובחרים שבמובחרים צו ביליגע פּרייזען

צו בעקומען נאָר אויף די אדרעס: **סענאַטאָרסקאַ 15.** אויך בעקומט מען לולבים.

אַטשיסקעס מיט'ן **וואָרצעל.**

צו וואָס זיך פּייניגען און בעקלאָגען;
עס האָט נישט קיין ציעל צו צענערן
„לעבעוואָהל"-ס היילט אַטשיסקעס
מיט'ן וואָרצעל.

פאַרדערט אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס.

LEBEWOHL

שוינלענדישע אויסאַרבייטונג

נידער מיט אונזערע שונאים!

קאַראַלוכען, פּרוסאַקען און ענליכע ווערים דאָס זענען די פערשפּרייטער פון פערשידענע, אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. מען מוז זיי גרונדליך אויסראָטען נאָר מיט דער הילף פון בעסטען ראַדיקאַלען מיטעל, וואָס פערפיהרט נישט און דאָס איז

FLURIN

פאָדערען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס.

קלאַנג - קינאָ

„STYLOWY"

2 אַלעע 27 — טעל. 1574.

גרויסער פילם-מאַניפעסט פון העלדישקייט, ליעבע און אָפּפערווילליגקייט

ANIOŁOWIE PIEKŁA

די פּראָדוקציע פון דאָזיגען פילם האט געדויערט 3 יאָהר און געקאָסט 4.000.000 דאָלאַר.

137 אַמעריקאַנער לופטפליהער, 87 קריעגס-אַעראָפּלאַנען און אַ צעפעלין בעטייליגען זיך אין דעם פילם, וועלכער איז פערבאָטען געוואָרען אין דייטשלאַנד

אין די הויפּט-ראָלען: בען לייאָן, זשאַן העהרלאָוו, דזשעמס האַלל און לוסיען פּריוואַל.

שבת און זונטאג האַלב 1 נאָכמיטאג

Obraza Majestatu

מיט וולאַסטאַ בוריאַן. קרזעסלאָ 49 גר.

Żądajcie wszędzie

chodniki „Falaleum"

cena 50 gr.

za mtr. długości.

אתרוגים מובחרים

פון ארץ-ישראל

לולבים ירוקים והדסים

צו ביליגע פּרייזען

שוין צו בעקומען ביי:

אליעזר יאַקובאָוויטש

אַלטער מאַרק 12.

„ATLAN,TIC"

אָגראָדאָווא 14.

פון מאָרגען שבת, דעם 30 סעפּטעמבער

Książę Student

מיט ראַמאָן נאָוואַראָ.

קרזעסלאָ פון 25 גר.

פון „מחזיקי הדת".

פונ'ם בלימעל-טאָג דאָנערשטאג, דעם 25 ד. ח. איז געוועזן הכנסה 238.53 זל.

Redaktori wydawca: B.Bocian

Druk.B. Bocian, Aleja 6